STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10595

ALE LIDER UN BRIV

Asher Schwarzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אשער שוואַרצמאַן

אַלע לידער

און בריוו

מעלוכע-פֿאַרלאַג
פֿון קינסטלערישער ליטעראַטור
מאָסקווע — 1961

רעדאַקציע און אַרײַנפיר-וואָרט פון

ארן וערגעליס

הילע און טעקסט-צייכענונגען פון

ג. קראַוצאָוו

ווײַט, זײער ווײַט איז שוינ איצט פונ אונדז דאָס יאָר 1919, ווענ אינ א הײסנ אווגוסט-טאָג איז אָפּ א פעלד לעבנ שטעטעלע סארנע געפאלנ אינ שלאכט דער קאוואלעריסט פונעמ באָגונער פּאָלק אָשער שווארצמאנ. אומענדלעכ ווײַט איז שוינ יענער טרויעריקער טאָג. אָבער טוט נאָר א טראכט: ווענ אָשער וואָלט דעמלט לעבנ געבליבנ, וואָלט ער הײַנט אַלט געווענ עטוואָס מער פונ זיבעציק יאָר.

זײַנ ליטעראַרישע טעטיקײַט כאַפּט ארומ בלויז אײנ יאָר-צענדליק, ווענ ער האָט געלעבט ניט אינ קאבינעט-שטילקײַט, נאָר אינ קאזארמע, אינ זאָטל, אינ טראנשײענ, אָדער, בעשאס ער איז פרײַ געווענ פונ מיליטער-דינסט, אונטערוועגנס, אינ פארשײדענע שטעט אונ שטעטלעכ. איבערגעלאָזט האָט ער אונדז עטלעכע אונ זעכציק קורצע לידער. דאָס בוכ זײַנס איז, דוכט זיכ, דאָס סאמע דינסטע צווישנ אלע „געזאמלטע ווערק” אינ דער ייִדישער ליטעראטור. נאָר דאָ, טאקע אינ אָט דעמ ביכל, וועט איר געפינענ דעמ אורקוואל פונ דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע. פונ די דאָזיקע זײַטלעכ האָט זיכ דאָס ערשטע מאָל אינ דער ייִדישער ליטע-ראטור דערטראָגנ דער אומרויִקער גלאָקנ-קלונג, וואָס האָט גערופנ פארטײדיקנ דאָס סאָציאליסטישע הײמלאנד. פונדא-

גענ האָט זיכ דערטראָגנ די שווע פונ טרײַהײַט צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

שוואַרצמאַנ — דאָס איז די „לעגענדאַרע קינדהײַט" פונ דער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע.

אינ פּעריאָד פונ רעאַקציע נאָכ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט זיכ אינ אונדזער דיכטונג אײַנטאָניק און נודנע געגאָסנ, ווי א דריבנער האַרבסטיקער רעגנ, דאָס ווײַנענדיקע קלאָג-ליד פונ די קלײנבירגערלעכע „ראָמאַנטיקער", וועלכע האָבנ מיט אַקשאָנעס זיכ אָפּגעקערט פונעם רעאַלנ לעבנ און געשלעפּט דעמ לײענער „צוריק אינ בעס-מעדרעש אַרײַנ". עס פלעגט זיכ אָפט אפילע שוינ דאַכטנ, אַז דעמ דעקאַדענטישנ, נאַציאָנאַל-באַגרענעצטנ שטראָמ האָט זיכ סאָפקאָלסאָפּ אײַנגעגעבנ פאַרפלײצנ דאָס לעבעדיקע וואָרט פונ די ערשטע פּראָלעטאַרישע ייִדישע דיכטער ווינטשעווסקי, באָוושאָווער, עדעלשטאַט... נאָר אָט זײַנענ געקומענ נײַע שרײַבער, א גאַנצע פלעיאַדע יונגע וואָרט-מײַסטערס, וואָס האָבנ אופגעהויבנ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור די פאָנ פונ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ. עס זײַנענ אינ די גרויזאַמע פּאַראָקטיאַבערישע טעג געקומענ אַשער שוואַרצמאַנ און זײַנע כאַווײרימ — די קומענדיקע סאָוועטישע פּאָעטנ. און — ווי נעבעכדיק, פאַרשימלט און אָפּגעשטאַנענ האָבנ איצט אויסגעזענ יענע, וואָס האָבנ מיט אַפּלאָמב געפּויקט אינ די פּויקנ פונ „עכט-נאַציאָנאַלער" ייִרידע-קונסט...

* * *

אינ אָנהײב פונ זײַנ שעפערישנ וועג (1908—1911) שרײַבט שוואַרצמאַנ ליִרישע לידער, אינ וועלכע עס קלינגט דאָס באַגײַסטערטע קאָל פונ ערדיש פאַרליבטער יוגנט. פונ דעמ דיכטערס ביאָגראַפיע דערווײסנ מיר זיכ, אַז נאָכ אינ

דער פריִער קינדהײַט האָט אימ געצויגנ צו זיכ די נאַטור. ער איז געבוירנ געוואָרנ דעמ 18 אָקטיאַבער 1889 אינ דעמ דאָרף ווילניא, לעבנ קאָראָסטישעוו (אוקראַינע). די קינדער־יאָרנ האָט ער פאַרבראַכט אינ אוקראַינישע וועלדער, ווו זײַנ טאַטע האָט געאַרבעט בײַ וואַלד־סאָכרימ. אַפ שטויביקע דאָרפישע גאַסנ, בײַ גרינע בערגנ פונ דעמ טײַכ טעטערעוו אונ אינ געדיכטע וואַלד־טיפענישנ האָט אָשער באַנומענ די שײנקײַט פונ דער נאַטור. א נײַגעריקער צומ אַרומיקנ לעבנ, איז ער געווענ היימיש מיט די פּויערימ אונ פּאַסטעכער, האָט אײַנגעזאַפּט אינ זיכ זייערע מײַסעס אונ וווּנדערלעכע לידער. ניט אומזיסט האָט ער די ערשטע דיכטערישע שורעס געשריבנ אַפ אוקראַיניש. שפּעטער מיט א סאַכ יאָרנ האָט די אוקראַינישע פּאָעזיע אָפּגעמערקט אונ פאַרפּעסטיקט די קרויוועשאַפט אירע מיט דעמ יידישנ דיכטער: די ערשטע איבערזעצונג פונ שוואַרצמאַנס לידער האָט געמאַכט דער גרעסטער הײַנטצײַטיקער אוקראַינישער פּאָעט פּ אַ וו ל אָ ט י ט ש י נ אַ, וואָס האָט צוליב אָט דעמ צוועק דערלערנט די יידישע שפּראַכ. א צווייטער אוקראַינישער שרײַבער, ד מ י ט ר אָ ק אָ ס אַ ר י ק, האָט אינ 1948 אָפּגעזוכט ניט ווײַט פונ דער אײַזנבאַנ־סטאַנציע פּאַליצע אָשער שוואַרצמאַנס קייווער. די אָרטיקע קאָלווירטניקעס האָבנ אופגעשטעלט אַנ אָבעליסק, וואָס דערמאָנט אינעמ העלדנטאַט פונ דעמ יידישנ פּאָעט.

* * *

אינ דער אַלטער יידישער דיכטונג זײַנענ די נאַטור־באַשרײַבונגענ געווענ דורכגעדרונגענ מיט שווערער שטימונג. דער הימל איבער דעמ מענטשנס קאָפּ איז געווענ פאַרצויגנ מיט געדיכטע כמאַרעס, דער אומעט האָט נישט געהאַט קיינ

אויסוועג. בא אַשער שוואַרצמאַנען פּרייט דער פּייזאַזש מיט א יאַם ליכט און פֿאַרבן. דער דיכטער כאַפּט אויף די דינסטע רייכעס — אַנזאָגער פֿון פֿרילינג. ער דערהערט אין דער שטילקייט א ווייטן פּליעסק פֿון א כוואַליע און דאָס ריזלען פֿון שוואַכע קוואַלעכלעך. מיט באַגייסטערונג רעדט ער וועגן ווײַנשל־ביימער, אויסגעוואַשענע פֿון שטאַרקן רעגן, וועגן מילך־ווײַסע נעפּלען, בלויע הימלען, פֿרישן טוי. שוואַרצמאַנס איינגעליבטקייט אין דער נאַטור האָט קיין גרענעץ ניט. זי זאָגט אויס דעם סאָד פֿון נאָך ניט פּראָקלאַמירטן סאָציאַלן פֿאַרגעפֿיל.

דער יונגער שוואַרצמאַן האָט געטרוימט וועגן א זויבער־ריינער, אידעאַלער אופֿאַסונג פֿונעם לעבן. אָבער אין צאַרישן רוסלאַנד, איבערהויפּט אין יִדישן תּחום, פֿלעגט געוויינטלעך דאָס אידעאַלע זיך פֿאַרענדיקן מיט איליוזיע:

איך האָב געזען א בלויזע שווערד:
א גלאַנץ די שאַרף, א קלונג דער שפּיץ.
ס׳האָט ווי א שניט געטאָן מײַן אויג
א גיכער בליץ.

איך האָב געזען א ווײַסן שניי:
א ווייכע, ריינע, קלאָרע דעק,
נאָרוואָס פֿון הימל —
אָן איין ריר און אָן איין פֿלעק...

נאָר כ׳קוק זיך צו: א שטשערב אין שווערד,
און — ווי — אין שניי א פֿלעק.
׳זוי טוט מיר באַנק —
א שיינער כאָלעם איז אוועק.

נאַטור, ליבע, טרוים זײַנען די מאָטיוון, וואָס האָבן געהערשט אין שוואַרצמאַנס שאַפֿונג ביזן יאָר 1911. צו די

דאָזיקע מאָטיוונ קערט זיכ אומ אָשער אויכ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ. נאָר די מיליטער-דינסט, די וועלט-מילכאָמע אונ די אָקטיאַבער-רעוואָליוציע פירנ אימ אַלצ מער אַרײַנ אינ קרײַז פונ גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמענ, פילנ אָנ זײַנע ווערק צוערשט מיט אומרו אונ אומעט, דערנאָכ מיט אַנטי-מילכאָמע-שטימונגענ אונ לעסאָף — מיט אַקטיוונ רעוואָליוציאָנערנ פּאַטאָס.

אפ דער מילכאָמע איז שוואַרצמאַנ די גאַנצע צײַט אינ סאַמע פײַער — אַלס אויסשפּירער, קאַוואַלעריסט. פאַר העלדנמוטיקײַט באַלוינט מענ אימ מיט צוויי געאָרגי-קרייצנ אונ מיט אַנ אונטעראָפיצערישנ טשינ. נאָר דאָס, וואָס פּערזענלעכ פירט ער זיכ אופ דרייסט, באַטײַט אָבער ניט, אַז ער איז פאַרבלענדט פונ דעמ מילכאָמע-ענטוזיאַזמ. אפ די פראָנטנ פונעמ אימפּעריאַליסטישנ קריג שאַפט ער שעדעוורענ פונ אַנטימילכאָמע-ליריק („די נאַכט האָט באַדעקט מיכ מיט פינצטערע פליגל“, „מילכאָמע-מאָטיוונ“ אאַ.).

זומער 1917 האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אַרויסגעפירט פונ פּעטראָגראַד קיינ פינלאַנד די באָלשעוויסטיש געשטימטע רײַטער-דיוויזיע, אינ וועמעס רעוואָליוציאָנערנ סאָלדאַטישנ קאָמיטעט עס איז אויסגעקליבנ געוואָרנ אָשער שוואַרצמאַנ. טאַקע דאָ, אינ פינלאַנד, שרײַבט אָנ שוואַרצמאַנ זײַנ באַוווסטע ליד „יוגנט“, וואָס איז אַ פײַערלעכ געזאַנג צומ יונגנ אָקטיאַבערישנ דאָר:

יוגנט, יוגנט!
ווי אַ שפּילנדיקע וועל,
ווי אַ טרער פונ פולער פרייד —
דײַנ שטעל,
דײַנ יונגע פרייד,

. . . .

באַ הרעבליע רוישט א פרייד-געשריי.
אונ זונ, אונ וועלט,
אונ איכ אינ וועלט...
צעקלאַפּ דעמ קאָפּ מיר אפ א שטיינ —
איכ דאַרפ נישט מיינ.

* * *

די געשיכטע פונ אָשער שווארצמאַנס פאַרברידערנ זיכ מיט די פּראָגרעסיווע קעמפער אינ צאַרישנ רוסלאנד, מיט זייער אוואנגארד — די באָלשעוויקעס — פארדינט, מע זאָל זי דערציילנ גענוי. אינ 1901 האָט שוינ דאָס 12-יאָריקע יינגל אָשער אויסגעפילט אייניקע קאָנספּיראטיווע אויפגאבנ, וואָס זיינ עלטערער ברודער — דער קיעווער זעצער אונ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער דאָוויד האָט אימ געגעבנ. וועגנ איינעמ אנ אויפטו אָשערס האָט דערציילט אינ איירע זיכרוינעס זיינ שוועסטער. איינמאָל באנאכט האָבנ זשאנ-דארמענ ארומגערינגלט דאָס הויז, אינ וועלכנ ס'האָבנ גע-וווינט די שווארצמאנס, אונ ארעסטירט דאָווידנ. מע האָט באדארפט דורינגענדיק מיטיילנ וועגנ דעמ א כאווער, וואָס האָט געוווינט אפ יענער-זייט וואלד. איז אָט, פּונקט דאנ, ווענ די זשאנדארמענ האָבנ זיכ געפאָרעט באמ אונטערזוכנ די שטוב, איז דורכנ פענצטער ארויסגעשפּרונגענ אָשער אונ, פּויזענדיק אזוי דורכ דעמ באנאכטיקנ וואלד, האָט ער אויס-געפילט די אויפגאבע.

אינ פיר יאָר ארומ, ווענ אינ לאנד האָט שוינ געפלאקערט די רעוואָליוציע פונעמ יאָר 1905, קומט אָשער צו פאָרנ קיינ קיעוו צומ ברודער אונ לעבט בא אימ א גאנצ יאָר. דאָ, אינ דער סוויווע פונ פּראָסטע ארבעטער אונ פונ באוווסטזי-ניקע מארקסיסטנ, האָט זיכ פאָרמירט אונ איז פארהארטע-וועט געוואָרנ דעמ קומענדיקנ דיכטערס כאראקטער. אָשערס

ברודער איז געוועג אַן אַקטיווער טוער פון דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד. אַפ דער פּראַגער קאָנפערענצ פון יאָר 1912 איז ער אויסגעקליבנ געוואָרנ אינ צענטראַל-קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

פון די אַלע פאַקטנ איז צו זענ, אַז ניט קיינ צופעליקע אומשטענדנ האָבנ געבראַכט שוואַרצמאַנענ צו דער רעוואָליוציע. די גאַנצע לעבנס-דערפאַרונג זיינע האָט טאָגטעגלעכ געשמידט אינ אים דאָס רעוואָליוציאָנערע באַוווסטזיינ. אויכ אינ זיינ שאַפונג קומט פאָר א טיפער פּראָצעס פונ אויספורעמענ די נייע דיכטערישע וועלט-עמפינדונג. דאָס באַזינגענ אינ די ערשטע לידער די געווונטשענע באַנייונג פונ דער נאַטור גייט איבער אינ יאָר 1911 אינ פריידיקער דערוואַרטונג פונ רעוואָליוציאָנערע שטורעמס. אינ דער ליד „יוגנט“ געפינט שוואַרצמאַנ יענעמ גליקלעכנ סינטעז פונ „וועלט און מענטש“, וואָס פריער האָט ער אים געזענ בלויז אינ טרוימ: „און זונ, און וועלט, און איכ אינ וועלט“. און דאָ גלייכ, אינ דער ליד „זעונג“, פירט שוינ דער רעוואָליוציאָנערער קעמפער נאָכ זיכ זיינ געליבטע:

איצט, ליבסטע, קומ!
דעמ נאָווימ וואָרט האָט אופגעהויבנ זיי
פונ גריבער און פונ זומפּנ,
פונ קוואַרימ אָרעמע
אַפ באַרג און טאָל פונ לענדער פיל
שטייט אופ א כייעל גרויס מיט לויב און מיט געזאַנג...

אָשער שוואַרצמאַנס טאַלאַנט האָט באַזונדערס שטאַרק זיכ צעבליט נאָכ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע. מער פונ א העלפט לידער, וואָס האָבנ זיכ פאַרהיט, האָט ער אָנגעשריבנ אינ די לעצטע צוויי יאָר פונ זיינ לעבנ. אינ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד באַזינגט ער די באַפרייערישע אידייענ פונ דער רעוואָליוציע. די ליבע, וואָס פריער האָט ער אָפּגעגעבנ דער

נאַטור, שענקט ער איצט די מענטשנ, געקומענע „פונ הײַזער אָרעמע, פונ שטיקנדע וואַרשטאַטנ“. אינ דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנענ לאַנג שוינ אַרײַנ אינ דער קלאַסיק אָשער שוואַרצמאַנס לעצטע לידער „אינ אופשטאַנד“, „אינ טריבנ מענטשנ-לאַנד“, „דער סוינע באַ די טויערנ“.

שוואַרצמאַנס שפּערישער וועג האָט זיכ איבערגעריסנ פּונקט דאַנ, ווענ ער, אַ פרײַוויליקער שלאַכטמאַנ פונ דעמ לעגענדאַרנ באָגונער פּאָלק, האָט זיכ געווענדט מיט אַ רופ צו זײַנע כאַווײרימ:

אפגיכ צומ פערד,
די האַנט שטאָל אָנ,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָנ —
— דער סוינע באַ די טויערנ!

דער סוינע איז אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ פונ די טויערנ פונ סאָציאַליסטישנ היימלאַנד. דאָס האָט געקאָסט דעמ סאָוועטישנ פאָלק אַ סאַכ קאָרבאָנעס. געפאַלנ איז אינ שלאַכט אויכ דער דיכטער אָשער שוואַרצמאַנ. מיט זײַנ העלדנטאַט האָט ער ווידעראַמאָל אונ אויף אייביק באַשטעטיקט די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט, אַרײַנטרעטנדיק אינ די רייענ פונ דער רויטער אַרמיי: „איז וואָס? וועט מענ אומקומענ דאָרט... איז מענ מיט די באָלשעוויקעס, האַלט מענ פאַר דער ראַטנמאַכט, דאַרפ מענ קאָנענ אומקומענ פאַר איר“.

ארנ וועררגעליס

לידער

די קרעטשמע

ארויס פונעם דאָרפ, אפנ וועג בא די פעלדער
אנ אלטע אמאָליקע קרעטשמע נאָכ שטייט
אונ קלערט, ווי, לעהאוודל, א מענטש אפ דער עלטער,
וואָס האָט אינ דער יוגנט מיט וועלטנ געדרייט.

— נו, יאָגט ארומ, ווינטנ, נו, טריקנט, איר פעלדער;
נו, כאפט נאָכ א שטרוי פונ מײַנ דאכ אונ לויפט אָפּ,
ס׳וועט קיינמאָל ניט אומקערנ זיכ שוינ מײַנ יוגנט, —
איכ פאָר ניט ארופ, כ׳פאָר פונ בארג שוינ אראָפּ.

פארוואקסנ דער צופאָר, די שטאלנ צעוואָרפנ,
באטאָג אונ באנאכט איז ניט אָפנ די טיר,
ניטאָ שוינ דאָס שטענדיקע רעדל באמ קאנעצ
מיט ווונדערלעכ-שרעקלעכע מײַסעס אָנ שיר.

עס גיסנ זיכ שוינ ניט די האלב-ווילדע לידער
מיט בראָנפנ צונויפ אפ דער שיקערער צונג;
ניט עגבערט דעמ מויעכ, ניט שווידערט די גלידער
דער סאָד, וואָס אנטפלעקט א פארשיקערטע לונג.

די קרעטשמע שטייט עלנט באמ וועג, ווי א דאָרנ,
דער דורכפאָרער ווערט דאָ אפ ווײַלע פארקלערט,
דערמאָנט זיכ, ווי לאנג ס'איז אהיימ נאָכ צו פאָרנ,
רוקט אײַנ זיכ אינ בורקע אונ טרײַבט צו די פערד.

נאָר ווינטנ, וואָס הוליענ אפ פעלדער אפ ברייטע,
דערמאָנענ דער קרעטשמע די אלטינקע זינד.
א ווינט טוט א לאכ אונ מאכט טייקעפ א פלייטע, —
זי בלײַבט, ווי אנ אלטער, פארשעמט פונ א קינד...

בערדיטשעוו, 1908—1909

*

* * *

א שטראַל פונ דער זונ האָט א
כוואַליע געקושט
מיט ליפּנ פונ רייִנעמ גינגאָלד;
א שפּרונג האָט די כוואַליע געטאָנ, ווי צעמישט,
אונ לעבנ שוינ מער ניט געוואָלט.

בערדיטשעוו, 1908—1909

* * *

ווען די זון גאַנצפרי
ליכטיק גייט אַרויס,
און די וועלט אין יאַם
ציט פון שלאָף זיך אויס,
ווערט פאַרבלענדט פון שיין,
און אַ שמייכל טוט,
און צעקאַטשעט זיך,
זינגט אַ שירע-ליד, —
הילט דיין קערפּער איין
אין אַ נעפּל-קלייד,
פון די שוואַרצע האָר
זיך אַ שיפ פאַרשפּרייט.

1909—1908

דער שניטער

האָט דער טאָג זיך צעהיצט
און דער שניטער פֿאַרשוויצט.
וואָס אַ מאַך מיט דער האַנט,
מיט דער קאָסע אַ שנײַד —
פּאַס און פּאַס נאָכאַנאַנד
לייגט דאָס גראָז זיך, ווי זײַד.

מיטן וואַלד, מיטן וואַלד,
אינעם שאָטן, בײַ זײַט,
האַרט בײַ דר'ערד, טריט בײַ טריט
גייט דער שניטער און שנײַדט.

און דאָס גראָז, ווי אין ים,
כוואַליע אויס, כוואַליע אײַן,
פֿאַלט אים גלײַך צו די פֿיס,
בייגט דעם קאָפּ פֿאַר אים אײַן.

ברענט אינ הימל די זונ
אונ די קאָסע אינ האנט,
עטעמט פרײַער די ברוסט,
גיסט זיכ לעבנ אונ לוסט.

היי, — די קאָסע, זי רעדט
בא דעמ שניטער אונ קלינגט,
ניט זי שנײַדט, נאָר זי גלעט,
א שיינ לידעלע זינגט.

ווערט דער קלונג אירער פאלש,
ווערט איר דיבער פארשטאמט,
שווענקט ער אָפּ זי מיט טוי,
קעבלט אויס זי מיט זאמד.

טוט אַ ווײַלע א וויש
מיטנ ארבל דעמ שווייס
אונ צומ הימל א קוק,
ווי די זונ ברענט דאָרט הייס.

אונ זינגט ווידער זײַנ ליד,
אָנ א סאָפ, אָנ א מאָס,
אונ גייט ווײַטער פאָרויס,
שפרייט זיכ אונטנ דאָס גראָז.

לאָזט די זונ זיכ אראָפּ,
אפ א זײַט בייגט זיכ אָנ,
אונ דער מײַרעוו-פארגאנג
מיט גינגאָלד טרינקט זיכ אָנ.

פאלט אראָפּ שוינ די היצ,
טוט א ווינטל א בלאָז,
אונ א פּלייצע פארשווינדט
דאָרטנ ווײַט אינעם גראָז.

1909

* * *

איכ האָב געזען א בלויזע שווערד:
א גלאנצ די שארפ, א קלונג דער שפּיצ,
ס'האָט ווי א שניט געטאָן מײַנ אויג
א גיכער בליצ.

איכ האָב געזען א ווײַסנ שניי:
א ווייכע, ריינע, קלאָרע דעק,
נאָרוואָס פונ הימל —
אָנ איינ ריר אונ אָנ איינ פלעק...

נאָר כ'קוק זיכ צו: א שטשערב אינ שווערד,
אונ — ווי — אינ שניי א פלעק.
'זוי טוט מיר באנק —
א שיינער כאָלעמ איז אוועק.

קיעוו, 1909

* * *

אינ וואַסער שטאָט צי שטעטל
ווײנט די, וואָס האָט מיכ געפאַנגענ?

. . . .

אינ וועלכע בלויע הימלענ
טונקט זי אירע יונגע בליקנ?

. . . .

אינ וואָסער טײַכל האָט זי
אירע שווארצע האָר געשווענקענ,
מיט וועלכע פרישע טויענ
איז איר בלוט-הײם לײַב באַשפּרענקענ?

אונ ס'פאַרקלײדנ אונ באַצירנ
וועלכע דורכזיכטיקע צװײַגנ
אירע שמעקעדיקע, זאַנפטע,
שיר-האַשירימדיקע צווײַגנ?

ווען כ'זאָל וויסן, ווו דאָס שטעטל,
וואָלט איך באלד אהין געגאנגען,
וואָלט איך עפשער יעדן מיידל
אפן האלדז זיך ניט געהאנגען.

קיעוו, 1909

* * *

(לויט אנ אוקראַינישנ פאָלקס-מאָטיוו)

שווימט א שיפל וואסער-פול
אפנ פרײַענ, ברייטנ טײַכ;
אָנ א שיפער, אָנ א ציל,
מיט די ווינטנ-כוואַליעס גלײַכ.

נאָר אפ גאָטס באַראָט אַליינ
שווימט עס, גליטשט זיכ אַלצ פאָרויס,
צי דער טײַכ איז שטיל צי ניינ
. . . .

מיט די כוואַליעס גליטשט עס זיכ
באַרג-אַראָפּ אונ באַרג-אַרופ,
מיט דער שטילקײַט ליבט עס זיכ,
ס'ווייסט קיינ אָפּשטעל, ס'ווייסט קיינ סאָפּ.

קיעוו, 1909—1910

* * *

מ'שמעקט מײַן ליבסטע, ווי אום פרילינג
ווײַנשל-גערטנער נאָך אַ רעגן;
ס'שײַנט די זון, דאָס ווערדל שמייכלט,
און אַ פּאָרע גייט פון טאָל.

. . . .

לאַכט זי — שטיקן כוואַליעס גליק מיך,
ס'שטאַרבט אַ וועלט אָפּ, ווען זי ווערט שטיל
און פאַרשעמט זיך מיטאָמאָל.

דאַנקט זי מיר פאַר עפּעס האַרציק,
איז — אַ בלום אַקעגן זונשײַן
עפנט אויף איר שוים פרימאָרגן,
און איך דאַנק איר באַלד צוריק.

כ׳ווייס — דאָס גליק ניט מיר באשערט איז,
ס׳איז אן אָפּגענארטער חלום,
נאָר כ׳וויל אויסגיין, איך וויל אויסגיין
אין מיין אָפּגענארטן גליק.

קיעוו, 1909—1910

* * *

אינ א מוטלאָזנ האַרבסט-טאָג, ווענ ס'זײַנענ
אַלצ מערער
די מילכ-ווײַסע נעפּלענ אינ העל-שײַנ צערונענ,
אונ די זונ האָט נאָכ קוים ווי א שלאָפע באַמ קלאַוויר
גענומענ איר שטראַלנ-לעגענדע דערשפּינענ,

האָסטו מיכ דאַנ געטרייסט, אַז ניט אַלצ איז פאַרפאַלנ,
אַז ס'זײַנענ פיל וועגנ צומ גליק נאָכ פאַראַנענ,
אונ ס'קאָנ פונ אַנ אַנדער זײַט אופגיינ מײַנ שטערנ,
נאָר אונדזער וועג שיידט זיכ אונ ווער ווייסט ביז וואַנענ.

אַז עס קאָנ זײַנ אַמאָל, ווענ אינ שטילע זיכרוינעס
וועט אופשטיינ פאַר דיר דאָס, וואָס פריִער געשענ,
ט'דיר אומויסריידלעכ באַנק טאָנ דער ראַש, וואָס האָט דיכ
באַהערשט, ווענ דו האָסט מיכ צומ ערשטנ געזענ.

אונ ווי שטומ בינ איכ דעמלט אַנ ווערטער געשטאַנענ,
געקוקט אינ דער וועלט, וואָס איז פּוסט מיר געוואָרנ,
אונ געהערט האָב איכ נאָר אינדערלופטנ אַנ אָפּקלאַנג
פונ עפּעס, וואָס איז מיר אָפּ אייביק פאַרלאָרנ.

1910

* * *

(פון געטען)

שפּיצן בערג פאַרשלאָפֿן
אין דער פינצט׳רער נאַכט;
טאָלן פריש-באַטוי׳טע
אָטעמען באַנאַכט.
ס׳שטויבן ניט די וועגן,
ס׳רוישט ניט מער דער וואַלד;
וואַרט אַ ווײַלע — סט׳אויכעט
אָפּרוען זיך באַלד.

1910

* * *

געווידמעט ב. א.

קינד, ביסט יונג, און דאָך, אוי, וויפל
מרויער ליגט אינ דײַנע אויגנ,
אינ די קאַרע סאַמעט-אויגנ,
וועלכע האָבנ מיך ניט איינ מאָל
אזוי האַרצלעך צוגעצויגנ.

כ׳ווייס: עס איז א לעבנס-וועלע
פרי געקומענ, גיך פאַרשווומענ,
אונ דו שטייסט נאָך א פאַרבענקטע
אונ דערמאָנסט א ליבנ נאָמענ.

קוקסט אינ פענצטער... ווי אינ דרימל,
בא דעמ נידער-ברעג פונ הימל
ציט א וואָלקנדל א גרויער.

און סע ווערט מײַן האַרץ פאַרצויגן
פונעם בליק פון דײַנע אויגן
מיט טיף-נאָגנדיקן טרויער...

קיִעוו, 1910

* * *

ווי אינ לויפנדיקנ טײַכל
דורכ דער לויטערקײַט פונ וואסער
זעט זיכ אויסעט יעדעס זעמדל,
יעדעס שטיינדל אפנ גרונט, —

אזוי זע איכ אויס אינ אירע
קינדערש-אָפ׳נע גרויע אויגנ.
ווי דאָס לעבנ פונ איר הארצנ
אינ דער שטילקײַט ווערט געשפּיגלט.

ווי אומ הארבסט א רײַפער עפּל
אזוי שמעקט איר יונגער קערפּער;
ווי א גרינגינק פרילינג-ווינטל
איז איר אָטעמ פריש אונ מילד.

זי'ז א קינד נאָך... און ווען ס'טרעפט זיך,
אז זי כאַפּט זיך אויף דערשראָקן
פון ניט-לײַטישע געדאַנקען —
ווערט איר אַלץ 'זוי נײַ און ווילד...

קיעוו, 1910

* * *

נ
יט קיינ הירש האָט זיכ דערשראָקנ,
אינמיטנ שפרונג זיכ אָפגעשטעלט,
צו פארדאכטע טריט פונווײַטנ
אויג און אויער אָנגעשטעלט, —

ס'האָט מײַנ שיינע שטיל געציטערט —
זי האָט קלאָר נאָכ ניט געוווסט,
וואָס אזעלכעס קומט און פרעגט ניט
און מאכט שלאָגנ הויכ איר ברוסט.

קיעוו, 1910

* * *

איך וויל מײַנ הארצוויטעק צעווייענ,
אינ פינצטערע וועלדער אימ פאריאָגנ.
באָטש אפ א ווײַלע נאָר דערפרייענ
זאָל זיכ מײַנ זעלע. איכ וועל זאָגנ:

איר הארצ וויינט אויכ אונ האָט קיינ טרייסט ניט,
זי בעט זיכ אויכ אינ נעכט אינ טריבע
בא בלינדער פינצטערניש... אונ ווייסט ניט,
אז איכ גיי אויס דאָ נאָכ איר ליבע.

ווענ זי זאָל ווײסנ — אופגעהויבנ
וואָלט זי מיט פרייד מײַנ בליק פארשטערטנ,
מײַנ טרער, ווי פערל, אופגעקלויבנ
אונ מיכ דערווײַלט פאר איר באשערטנ.

קיעוו, 1910

* * *

שיקט דער יאמ א וואָלקנ־גרוס דעמ מידבער,—
נעמענ בערג אימ איבער אפנ וועג;
לעכצנ אינ דעמ מידבער זאמדנ:
וואסער... וואסער...

. . . .

כ׳רופ צו דיר פונ נאכטס געדיכטער שווארצקייט,
כ׳וויס דיינ נאָמענ ניט אונ ניט דיינ לאנד,
כ׳רופ צו דיר מיט ווארעמער באהארצטקייט,
כ׳שטרעק צו דיר אויס בעטנדיק מיינ האנט:
ליב מיכ אונ נעמ אָנ מיינ ליבע...

קיעוו, 1910

קומ צו מיר...

קומ צו מיר... אפילע אינ דרימל
לעכצט מײַנ הארצ דיכ זענ אונ הערנ,
רײַס זיכ אָפּ פונ װײַטנ הימל,
װי א רײנער, בלאסער שטערנ.

ברענג פאר גאָט מײַנ הייסע טפילע,
עפשער װעט ער דיכ מיר שענקענ,
אינ פארנאכטנ גרויע, שטילע,
װענ מײַנ הארצ גײט אויס פונ בענקענ.
אָ, פונ זינט כ'האָב דיכ באגעגנט,
האָט מײַנ בענקשאפט קײנ דערפילונג,
קומ אונ קער מיר אומ מײַנ יוגנט
אונ מײַנ ערשטנ, שײנעמ פרילינג.

1911 — 1910

* * *

אונ וועט שטארבנ אונדזער ליבע,
וועלנ מיר זי שטיל באקלאָגנ,
ווי א קינד אנ איינ-אונ-אייניציקס,
וועלכנ ס'האָט דער טויט פארטראָגנ.

אונ צעשיידטע וועלנ לאנג נאָכ
אונדזערע הערצער נאָכ איר בענקענ;
אונ נאָכ לאנג וועלנ מיר ביידע
זי מיט דאנקבארקייט געדענקענ...

1911 — 1910

* * *

אינ הימל אינ גרויענ, אינ אומענדלעכ-ברייטנ
אומזיסט זוכט אנ ענטפער דײַנ יונגע נעשאָמע.
צו אלט איז דער הימל, צו גרוי זײַנע וואָלקנ
צו געבנ דײַנ הארצ כאָטש א שטיקל נעכאָמע.

קיעוו, 1910—1911

* * *

ס'זײַנענ וואָלקנ אָנגעשווומענ
אונ געשטעלט זיכ אָפּצורוענ
איבער אונדזער שטאָט.

איז ביז נאכט געגאנ א רעגנ,
אונ די ערד
האָט אײַנגעזאפּט די שטילע טראָפּנ,
לײַדנשאפטלעכ זיי געטרונקענ
דורכ די סעדער ובא די הײַזער,
דורכ די ברייט-געדיכטע פּארקנ
אונ דורכ יעדער אָפנ שפּעלטל
אינ די געברוקירטע גאסנ.

אונ צו נאכט איז שטיל געוואָרנ.

איין זייט הימל אויסגעשטערנט,
און די אנד׳רע, וואס אין וואָלקן,
האָט פון מאָל צו מאָל באלויכטן
זיך פון ווייטע, שטילע בליצן...

ס׳האָט געבליצט אין ווייטע עקן...

ס׳האָבן וועלטן זיך געוויזן
און אין ווייטקייט באלד פארשוווּנדן...

און ס׳פלעג אופכאפּן מיין הארץ זיך
און פארשטומען...

. . . .

און א פייער האָט געאָטעמט
און האָט שטילערהייט געפלאטערט
אין זיין ברוסט דער גרוילעך-בלויער,
אז אין סאָד האָבן די ביימער
זיך מיט כשאד דערפון געסוידעט,
און די מויערן די קאלטע
האָבן שטום פארטיפט זיך אין זיך
אין א צאָרנדיקער שטילקייט...

. . . .

אינעם אופגערעגטן הימל
׳זויפיל בידעשדיקע וועלטן!

אינעמ אופגעריורטנ הארצנ
'זויפיל מוט צו טאט אונ לעבנ,
אז סע האָט מײַנ בלוט געזאָטנ
אונ מײַנ קוי'כ אינ מיר געשטיקט זיכ...
. . . .

מיטאמאָל האָבנ די ביימער
אָנגעהויבנ העכער רוישנ;
ס'האָט אנ אויסקוקער א ווינטל
אָנגעצויגנ, ווי פונ ערגעצ
א פארדאכטלעכער שאָליעכ,
אויסצוזענ, צי אלצ איז גרייט שוינ
אופנעמענ דעמ נײַעמ רעגנ.
עפטער עפ'נענ זיכ פונ בליצנ
אָנגעהויבנ האָט דער הימל;
ס'האָבנ וועלטנ זיכ געוויזנ
אונ אינ ווײַטקײַט באלד פארשווונדנ,
אונ אָט-אָט, האָט זיכ געפילט שוינ,
מיט א דונער...

קיעוו, פרילינג 1911

* * *

אַלע טאָג פאַר זונענ-אופגאַנג
שווײַגנ שטיל דאָס פעלד, דער וואַלד;
דאָרטנ ווײַט די לענג פונ מיזרעכ
ווערט מיט ראָזער שײַנ באַשטראַלט.

פאַר א שטורעמווינט א שטאַרקנ
וואַרטנ שטיל אי פעלד, אי וואַלד...
לויפט די צווײַגנ דורכ א ווינטל
אונ רוימט אײַנ: אַט באַלד, אַט באַלד...

ווי דאָס ווינטל, רוימט זי סוידעס...
איז, ווי דער מאָרגנ, ליכטיק-רײַנ...
ווענ דו זעסט זי, גלוסט זיכ זאָגנ:
אַכ, די וועלט איז עמעס שײַנ!

קיִעוו, 1911

* * *

(לויט היינען)

נאכט באהויערט, גרינג באָטעמט,
רוט די ערד אין פרילינגס שויס,
און פון מיר איז ווײַט מײַן ליבסטע,
ס'הארץ אין בענקען גייט מיר אויס.

אזוי הארציק זינגט דער פויגל:
ערגעץ זוכט זײַן ליבסטע אים.
אָבער מיך זוכט איצט ניט קיינער,
און דאָס הארץ טוט ווי מיר שטום.

האַרבסט 1911

* * *

פונ דער ווײַטקײַט, וווּ די הימלענ
זוימענ זיכ מיט בלויע וועלדער,
טראָגט זיכ אָנ אונ ברייט צעגייט זיכ
אינ דער העלקײַט פונ די פעלדער

א באַגײַסטערט-גליקלעכ זינגענ...
דאָרט גייט אַפ א גאַנצע שורע
ליכטיק-שטראַלנדע מאַלאָכימ
מיט א פרײַער לעבנס-שירע.

אונ א ווײַלע ליגט פאַרשוויגנ
ס׳גאַנצע פעלד פונ עק צומ צווייטנ;
ס׳בלײַבנ שטיינ די לופטנ-שטראָמענ,
בינענ אַפ די ניט דערזויגטע קווייטנ...

נאָר אָט כאַפּט זיך אויף אַ ווינטל,
ס'טוט זיך גרינג אַ ריר דער הימל,
ס'ציט זיך נאָך די זון פאַרכידעשט,
און אין פעלד — דאָס קלענסטע בלימל

נאָך דער שטאָלצער ליד פון לעבן,
וואָס אָן אָפּשטעל גייט, פאַר וועלכער
ס'עפענען וויטער זיך די הימלען,
ס'שפרייטן ברייטער זיך די פעלדער.

און עס ווערט מײַן האַרץ פאַרצאַפּלט,
ס'שפילט די זון און קלינגט מיט שטראַלן,
ס'גייען ווינטן קאַראַהאָדן,
ס'טאַנצט די ערד, די הימלען שאַלן.

און איך לויף און וויל דעריאָגן,
כ'לויף און פאַל און הייב זיך ווײַטער,
און די גרויסע ליד פאַרסאַמט מיך
מיט אַ פרײַהײַט אַ פאַרשײַטער.

ברייטער, זיסע פידלען־סטרונעס!
שטאַרקער, דינסטע גילדן־טאַצן!
איך פאַרפלאָנטער זיך אין קוויטן,
און דאָס האַרץ פאַר גליק וויל פּלאַצן!

קיעוו, 1911

* * *

און ס׳וואָלט דעם סאָד באנאכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אינדערפרי גערוישט דער וואלד,
און ס׳וואָלט גערעדט שוין קינד-און-קייט:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואל וואָלט איינגערוימט דעם טייך,
וואָלט ער באטאָג אנטקעגן זון,
אין ברייטן פעלד, פאר וויטן שליאך
דערציילט דערפון:

זי האָט אים ליב!
זי האָט אים ליב!

ס'וואָלט יעדער מענטש מיכ, ווי א פרײַנט,
באגריסט מיט ליבע בא זײַנ שטוב,
אונ ס'וואָלט געשטראלט,
אונ ס'וואָלט געשײַנט:

זי האָט דיכ ליב?!
זי האָט דיכ ליב?!

כ'וואָלט אפנ העכסטנ פעלדזנ-שפיצ
ארופגעגאנגענ, זיכ געשטעלט
צו לאָזנ וויסנ מיט א בליצ
א האלבער וועלט:

זי האָט מיכ ליב!
זי האָט מיכ ליב!

קיעוו, 1911

* * *

געווידמעט פ. פ.

אויב קיינ אייד'לע ליבע-בענקשאפט
האסטו קיינמאָל ניט געשפּירט;
אויב דײַנ הארצ איז נאָכ ווי ווײַסער
שניי-פרימאָרגנ ניט גערירט —

וועט דער בליק פונ אירע שטילע,
בלויע אויגנ, ווי א שטראל,
ווארעמ וועקנ אינ דײַנ הארצנ
גאָר א וווּנדער-נײַעמ קוואל.

קיעוו, 1911

* * *

שוועסטער, שוועסטער, ס'איז מיר פלוצעמ

שווער געוואָרנ אפנ הארצנ,
גלײַכ ווי דאָרט, ווהינ מיר גייענ,
וואַרט דער טויט אינ זנטאָג שווארצנ,

גלײַכ מײַנ אומשולדיקנ שמייכל
לאָקערט נאָכ א גײַסט א שלעכטער
אונ פאר עפּעס זינד מיכ פּײַניקט
מיט באהאלטענעמ געלעכטער.

כ'זע, ער פרייט זיכ, ער פארנארט מיכ,
אונ ווענ כ'וועל אָנ אומקער זינקענ,
וועט די „זינד“ אפ מיר זיכ וואַרפנ
אונ מײַנ בלוט א שטומע טרינקענ.

שוועסטער, שוועסטער, כ׳פיל, דײַנ ענטפער
קאָנ מיכ אויסלייזנ פונ לײדנ,
זאָג אנ עמעס — ס׳איז קײנ זינד ניט
אינ אזעלכע קורצע פרײדנ.

(?) 1911

* * *

פרי. אין פעלד. די זון גייט אופעט,
ס'קלינגט א מילדע פויגל-שירע,
און מיר דוכט: איך שוועב אף פליגל
און זאָג אַן דער וועלט א פטורע:

היינט האָט זיך מיין הארץ געעפנט
צו דעם ערשטן גליק אין לעבן.
. . . .

קאליש, 1912

* * *

עס טרעפן מינוטן —
א ברויזנדער שטורעם
גייט איבער מײַן הארץ.

דאָס טוט מיר אַ פינקל
מײַן גליק ס'ניט דערגרייכטע
איניינעם מיט דיר.

ניט ליבע געשטילטע,
נאָר ווייטעק אַנשטומטן
דערוועקט ער אין מיר.

קאליש, 1912

* * *

די נאָענטסטע פרײַנט פונ מײַנ ליבנדנ הארצנ
צעזײענ, צעשפרײטנ זיכ װײַט אפ דער װעלט,
אונ עלנט בלײַב איכ אינ מײַנ גרויזאמער בענקשאפט
פונ יעדנ פארפעלט.

סע גײענ פארלוירנ די שענסטע, די בעסטע,
װאָס ביסלעכװײַז האָב איכ מײַנ הארצ זײ צעשענקט
אונ אָרעמ געבליבנ. מיט זײ נאָר געפרײט זיכ,
פאר זײ אויכ געקרענקט...

אונ איצט זיצ איכ אלײנ — א געשפעט פאר דער פוסטקײַט,
דער קאָפ איז געבױגנ, א ייִעש פילט אָנ,
געבליבנ בינ איכ אָנ א הערשאפט — א קײסער
פארטריבנ פונ טראָנ.

קיינ פריינט אונ קיינ גויעל. איכ איינער דריי אומ זיכ
אפ א ביים-האַקוואַרעם, וואָס לאָזט זיכ ניט אויס,
אונ אפ די מאַציייוועס נאָר קענטלעכע אופשריפטנ
דוכט זיכ מיר אוים.

אונ ווי איז א באַלעמ שמעלט בלאַס זיכ מיר פאָר'עט
א פריערדיק לעבנ 'זוי נאָענט אונ ליב...
אונ איצט ליגט דאָ טויט אלצ, נאָר איכ בינ געבליבנ
אונ בלאַנקע ארומ...

פאליש, 1912

* * *

נאָכ א ליבנ, נאָכ א טויטנ
האָט דאָס הארצ שוינ אָפּגעטרויערט,
אונ מיר דוכט: ווהינ איכ קער זיכ,
שטילער אומעט נאָכ מיר לויערט.

אויסגעוויינט שוינ אלע טרערנ,
איז דאָס הארצ ׳זוי שטיל געוואָרנ;
אלצ ארום ׳זוי קליינ אונ נישטיק
אפ צו אופוועקנ מײַנ צאָרנ.

קאליש, 1912

* * *

שיין איז דײַן געשטאלט,
פײַנער באָכער-העלד,
און דײַן פערד די טריט
אפ דער ערד פעסט שטעלט.

— וואָס זשע פעלט דיר איצט,
וואָס דעם קאָפּ צו דר׳ערד,
א פאַרטרויערטער
פירסט באַם צוים דאָס פערד?

— יענע איז ניטאָ,
וואָס וואָלט ליבן זיך
אפ מײַן שיין געשטאלט,
ווי מײַן פערד גייט גיך.

קאליש, 1912

פארנאכט

וו ענ די זונ א קילע באָדט זיכ אינ א יאם פונ
בלוט אינ מײַרעוו
אונ דאָרט ווײַט אפ שטילע פעלדער טויטע געלקײַט
ליגט צעגאָסנ, —
צינען זיכ פונ ווײַטנ מיזרעכ, ווי פארלאָזטע, ווי פארבענקטע,
וואָלקנס-בערג, ווי שטיקער שנייענ, האלב אינ גרויענ,
האלב אינ ראָזנ.

. . . .
. . . .

זינקט די זונ. נאָכ איר די רויטקײַט שטייט נאָכ לאנג
אונ וואַרט פארצווייפלט.
ביז צוביסלעכווײַז צערינט זיכ אונ פארגייט מיט טונקלער
בלויקײַט.

טוט פונ וואָלקנס אָפּ זיכ ס'ראָזע, ווי באם גויסעם שײַנ
פונ פּאָנעם,
אונ אפ טיפ-פארזאָרגטע פעלדער פאלט אנ ערנסט-שטילע
גרויקײט.

קאליש, 1912—1913

* * *

כ'דאַרף איצט ניט קיינעם, איך דאַרף איצט מײַן מאַמען,
און וואָלט איך זי האָבן, דאַן וואָלט איך איר זאָגן:
מאַמע, ניט מײַן, איך בין קינדעריש און נאַריש —
איך קאָן נאָר ווי אַ גרויסער, פאַר דיר זיך ניט קלאָגן.

כ'זאָל אין דער פרעמד געווען יאָמערליך וויינען,
וואָלטן די טרערן געפלאָסן פאַר ווענט,
ביטער זיך קלאָגן, —
ווער וואָלט פאַרנעמען?..

כ'דאַרף איצט ניט קיינעם, איך דאַרף איצט מײַן מאַמען,
און וואָלט איך זי האָבן, דאַן וואָלט איך איר זאָגן:
מאַמע, ניט מײַן, איך בין קינדעריש און נאַריש —
כ'קאָן נאָר, ווי אַ גרויסער, פאַר דיר זיך ניט קלאָגן.

קאַליש, 1913

* * *

ווען מיר זײַנען ביידע געוואָרן צעשיידט,
האָט נאָך אַן אַקאָרד פֿון פֿאַרגאַנגענער שײנקײט
געהאַלטן אין אויסגיין אַלץ שטילער און שטילער,
אַזוי ווי די שײַן פֿון דער זון, וואָס פֿאַרגייט,
וואָס בלײַבט זיך נאָך העל אויפֿן גראָז פֿון די פֿעלדער,
ווען ס'ווערט שוין די זון־ראָד אַלץ שמעלער און שמעלער.

ווען מיר זײַנען ביידע געוואָרן צעשיידט,
געלייגט האָט זיך מיר אויפֿן האַרצן אַ שטילקײט...
די גרויזאַמע שטילקײט פֿון וואַלד אין פֿאַרנאַכטן,
וואָס ווערט מיט אַ בענקענדן קראַקען באַגלייט
פֿון עפּעס אַ פֿויגל, וואָס זוכט אין דער גראָקײט
זײַן נעסט צו זײַן פּאָר מיט אַ קול אַ פֿאַרשמאַכטן.

סאַליש, 1913

* * *

עס טרעפט ׳זוי אָפט אינ אָנהייב מײַ:
די זונ כאָטש שײַנט, נאָר וואַרעמט שוואַכ —
ס׳א ווינט, א שטויב, א גאַנצנ טאָג
ניט רוט זיכ אָפּ די שטרוי פונ דאַכ —

דאַנ עסט זיכ ניט מײַנ קלוגנ פערד...
פאַרבייגט עטוואָס איינ הינטערשט פוס,
די אויגנ דרעמלדיק פאַרמאַכט,
ער שפּיצט די אויערנ אָנ און הערט...

און פלוצעם בא דער דיכ
טוט לײַכט א ציטער אים די פעל.
אנ אײַנגעדרעקטער אינ שינעל
ליג איכ און דרעמל אפנ היי.

דער ווינט דורכ שפארעס קילט מיכ לינד,
אונ דרעמלענדיק זיכ טראכט: ס'איז גוט,
וואס כ'בינ אצינד ניט אפנ ווינט.

זומער 1914

* * *

פאַראָסטעט ווערט
די שאַרפע שווערד
אונ פאַלט פונ האַנט;
סע גייט דאָס פערד
דעמ קאָפּ צו דר'ערד
אינ פרעמדנ לאַנד.

מיכ רופנ ניט
די פלינקע טריט
פונ בעריעשאַפט;
ניט ס'הייבט זיכ אופ
פונ דרעמל-שלאָפ
מײַנ אקסל-קראַפט.

אונ ווענ ס'דערוואכט
מײַנ קאלטע מאכט
מיט פײַער-בראנד —
דאנ טריפט מײַנ בלוט
אונ לעשט מײַנ גלות
אינ פרעמדנ לאנד.

קאליש, 1914

4—1658

* * *

די נאכט האָט באדעקט מיכ מיט פינצטערע פליגל,
אונ ווידער מיכ הילט לאנג פארגעסענע רו...
...אונ ס'דוכט מיר, אינ סאמע מיט פעלד אפ די קני
שטייט עמעצ א גוטער, אונ פליסטערט, אונ בעט:
— מײַנ גאָט, אויב געווענ איז דײַנ צאָרנ אפ זיי,
וועט איצט דײַנ ראכמאָנעס ניט זײַנ נאָכ צו שפּעט,
דעמ רײַטער, וואָס בלאָנדזשעט באנאכט אָנ א וועג,
די דאָרפישע פײַערלעכ ציינד אָנ צוריק;
אינ שטעטל, וואָס שטייט דאָ פארפינצטערט אונ שטומ,
איינ זיכערנ, לויכטנדנ פענצטער קער אומ.
אונ יענע, וואָס טרעפנ באנאכט זיכ ווי פײַנט,
צי ווייסטו ס'געבעט, וואָס זיי ריכטנ געהיימ?
זיי פליסטערנ שטיל: „כ'בינ ניט שולדיק... גענוג!

קער אום מיך, מײַן גאָט, צו פֿאַרלאָזענער היים!..״
ווען ס׳איז שוין אין שנײַער קיין איינציקע שטרוי,
פֿאַרוואָס זאָל נאָך שטיין ניט געאַקערט דאָס פֿעלד?
און אָרעמע שטעטלעך אויסגיין אָן ברויט
דערפֿאַר, וואָס די וועגן מיט מוירע פֿאַרשטעלט?..

פֿרילינג, 1915

* * *

אונ ניט נאָר דײַנ שנײַער וועט שטײַנ אַנ א ראב,
אָנ טיר און אָנ פענצטער צעבראָכנ דײַנ הויז —
קײנ זאַנג וועט ניט בלײַבנ צו זעטנ א מויז
בא דעמ, וואָס געווענ איז מיט ברויט-סטירטעס רײַכ.

דײַנ פאָלק וועט צעפאלנ, ווי האָלצ, וואָס צעפוילט,
אזוי ווי פונ מאָל א צעגעסענעם קלייד,
דערפאר, וואָס מײַנ פאָלקס אומגעהייערנ לייד
האָסט געמאכט פאר דײַנ פרייד.

דערפאר, וואָס אכזאָריש די טיר האָסט פארשפארט,
ווענ ס'קינד א געיאָגטס איז געלאָפנ פארשמאכט, —
צו קוילעס פונ ווייטעק, צו ווייטעק פונ שאנד
האָסטו כוצפיש געלאכט זיכ אינ האנט.

ווי ס׳פײַכטקײַט פון קלייד טריקנט אויס קעגן ווינט,
׳זוי ביסלעכווײַז ט׳אויסגיין דײַן ערדישע קראפט.
און אויסגעפרעסט וועסטו פון פעלקער ארויס,
ווי א פרוכט אָן איר זאפט.

און טרויעריק-שטיל וועט דיך בײַגיין מײַן פאָלק,
ווי צענדליק פארגאנגענע פעלקער פאר דיר.
און טראָגנד א יאָך נאך פון דײַנעם מער שווער —
ווײַטער גיין, ווײַטער גיין.

פרילינג 1915

* * *

אזוי ווי דער געצמאַן זײַן הייליקסטן אָפּגאָט
פאַרשטעלט וואָס געדיכטער, וואָס טיפער אין וואַלד,
'זוי האָב איך מײַן ליבסטע אין האַרץ טיף באַהאַלטן,
ווהין מײַן זיקאָרן האָט לאַנג ניט פאַרשטראַלט.

געדיכט האָט פאַרוואַקסן דער וואַלד פון געפילן,
און איצט ווידער וואַנדערלעכס טרעפט זיך מיט מיר:
אזוי ווי דער געצמאַן צום גאָט אין זײַן יאָמטעוו,
אזוי זוך איך איצט ווידער די וועגן צו איר.

1915

* * *

וואָס וויינט ער, דער ווינט, אין פאַר-
וואָלקנטער נאַכט.
פאַרלויפנד פון פעלד אין אַ ליידיקן הויף?
צווישן די שטאַלן די ערד רײַסט און דרייט
און ווי אין אַ ביטערן קלאָג זיך פאַרגייט.

צי וויל ער דערציילן, אַז איינער פון זיי
אָן הילף אָפּן שלאַכטפעלד גייט אויסעט אַצינד,
אין האַרצן די וווּנד, און בײַ יעדערן כריפּ
דאָס בלוט אין דער וווּנד הייבט זיך אויף און פאַרינט.

(?) 1915

* * *

פ'האָט קינדערשלעכ-שטיל זיך געשושקעט דאָס
גראָז.

דער וואַלד האָט גערעדט און גערעדט עפּעס-וואָס;
איך האָב זיך דערמאָנט אָן פאַרגאַנגענע טעג,
ווי אַ קנעכט אָן זײַן היימאַטס פאַרשווונדענעם ברעג.

און ס'האַרץ האָט געוויינט, ווי אַ קינד אין דער שטיל...

ווי אַ פויגל פאַרנאַכט, טרעפנד ליידיק זײַן נעסט,
האָט ס'האַרץ שטיל אָן ווערטער געגאָסן זײַן קלאָג,
וואָס מײַן יוגנט פאַרגייט — מײַן איין-איינציק פאַרמאָג,
ווי אַפ זאַמדן אין מידבער אַ גאָלדענער טאָג.

1916—1915

יוגנט

יוגנט, יוגנט!
ווי א שפּילנדיקע וועל,
ווי א טרער פון פּוליער פרייד —
דיין שטעל,
דיין יונגע פרייד.

ווי פּרילינג-צייט בערעזע-זאפט
מיט שטיקלעך קאָרע אומריין-ריין
(דאָך גלייך פון בוים),
אפילע טערפּקע אפּן טאם
('זוי איז דאָס שוין).
נאָר ס'שמעקט מיט גרינעם קנאָספּן-קליי,
בא הרעבליע רוישט א פרייד-געשריי,
און זון, און וועלט,

און איך אין וועלט...
צעקלאפּ דעם קאָפּ מיר
אפ א שטיין —
איך דאַרף נישט מיין.

פינלאנד, זומער 1917

* * *

שוועסטער, שוועסטער!
גאנצע נעכט
זיץ איך אָפּעט איינ-אליינ
מיט איינ ריינעם הארצ-באגערנ —
קומ צו גיינ!
...בא א פענצטער אפדערנאכט,
אפנ ברעג פונ טײַך פארטראכט,
צי אינ שטילע פּארק-אלייענ —
ערגעצ האָב איך דיך געזעענ...
אונ דײַנ צארטער מיידל-טרוימ,
ווי א בלויער הימל-רוימ,
הענגט פאר מיר, —
איז צו דיר
מײַנ געבעט איצט לויטער זעליק:
לאנג בינ איך שוינ אָדאָמ-עלנט, —

ס'האַרץ — אַ קוואַל, 'זוי שטיל און רויג...
שוועסטער, 'זוי ווי איך פאַרבענקטע, —
קום צו גיין!

פּעטראָגראַד, זומער 1917

מילכאָמע־מאָטיוונ

ווי ס'ברומענ פונ ווינטנ אפ פעלדער פארשנייטע,
ווי ס'וועלפישע הוילנ אינ וועלדער פארווייטע, —
פארגייט אומבאהאָלפנ דער קלאָג פונ מײַנ פּײַנ.

אזוי ווי א וואָרצל אינ ערד אינ פארפרירטער —
אזוי אינ דעמ קאלטנ אונ שטאָל-שטײַפנ לעבנ
דאָס הארצ א פארעלנטס שרומפּט ווייטעקדיק אײַנ.

איינ אָרעמע פרייד איז אינ הארצנ געבליבנ:
די פרייד פונ א בלינדנ, וואָס טאפּט מיטנ שטעקנ
אונ טרעפט אָנ די סטעזשקע, אפ וועלכער ער גייט.

א פראָסטיקע נאכט, א פארלאָזענער שנײַער;
איכ זיצ, ווי א הונט לעבנ האר, בא מײַנ פײַער,
אונ באלד וועט א קעסעלע טיי ווערנ גרייט.

1917

* * *

װי זומער ס'פעלד נאָכ האַלבנ טאָג,
ווענ בוימ פונ ווײַט מיט יעדנ צווײַג
שטייט בוילעט, קלאָר, —
אַזוי איז שטיל מײַנ האַרצ.

אונ ווי די טויב, וואָס פליט אַרויס
פונ טורעמ-שפּיצ אַפ הימל-שויס,
אַפ בלויענ בלויז, אַפ ווײַסנ בלויז, —
'זוי פלאַטערט אָפט מײַנ האַרצ.

אונ ווי דער יאַמ אינ מיט פונ נאַכט,
אונ ווי די בייזע שפּיל פונ שלאַכט, —
איז אויכ מײַנ האַרצ...

אף פעלדזן-שטעגן כ'בלאָנדזשע בלינד,
נאָר אונטער פעלדזן, הער איך, רינט
און ריזלט פריש א שטראָם —

דער קלאנג, וואָס גייט פון אייביקייט,
דאָס גאנצס, וואָס איז פון שטויביקייט, —
מיין הארץ, וואָס זינקט אין טהאָם.

קיעוו, 1918—1917

זעונג

איצט, ליבסטע, קומ!
דעמ נאָוויס וואָרט האָט אופגעהויבנ זיי
פונ גריבער און פונ זומפּנ.
פונ קוואָרימ אָרעמע
אפ באַרג און טאָל פונ לענדער פיל
שטייט אופ א כײַעל גרויס מיט ליב און מיט געזאַנג,
און ווער מיט טרערנ האָט געזייט דאָס פעלד פונ טויט,
דער קערט מיט פרייד צומ שניט צומ נײַעמ...
זיי גייענ קיטעסווײַז, ווי סטאַדעס יונגע הירשנ,
זיי גייענ קייטנווײַז, ווי רייענ פונ מאַלאָכימ.
מיט זיי דער שטאָלצער גײַסט,
וואָס רוט אפ שווײַגנדיקע פאָלקנ,
דער רויש פונ באַטאַרייעס לויפנדע מיט זיי.
און דו, מײַנ בלוילעב-ווײַסע קאַלע,

מיט מיר קום אופ
אנטקעגנ מײַנע שטראלנדיקע ברידער.
קום אויסלייזנ דײַנ אָרעמ-טרויעריקנ לײַב
אינ יאמ פונ וויסנ אונ פארגעבנ,
אינ לעבנ, וואָס האָט טויט דורכ טויט באזיגט,
וואָס טראָגט זײַנ בליִענדיקנ בעכער דורכ
דורכ פײַער אונ דורכ בלוט.
באהעפטנ וויל איכ דיכ
צו ליד, וואָס טויט שוינ שאלנ,
ווי טויזנט וואסערפאלנ,
וואָס הימלענ טרייסלענ אופ.

1918 — 1917

* * *

אפט אינ שפעטיקע מינוטנ,
ווענ פונ אומרו קלערט זיכ סטאמ,
שטעלט א שטורעמ-נאכט מיר פאר זיכ
ערגעצ ווײַט אפ ברייטנ יאמ.

אונ איכ זע: א מאכנע שיידימ
אינ דעמ טהוימימ-שפילערײַ
שלעפט ארומ א שווארצנ קאסטנ
מיט א ווילד געפילדערײַ.

אונ פונ קאסטנ שפריצנ קוילעס
אונ א ביטער וויי-געשריי,
גלײַכ א וועלט איז דארט פארשלאסנ
מיט איר גאנצנ ווינד-אונ-וויי.

אָט-אָ זינקט אין טיף דער קאסטן,
אָט-אָ שווימט ער אוף פון טהאָם,
און מיט ווידערקוי׳ך און ווייטעק
גייט ס׳געשריי ווי פון א סדאָם.

ס׳קרעכצט דער יאָם אין פולן ווייטעק,
ס׳רײַסט דער שטורעם קוואָרים אײַן...
העכער, טיפער פון זיי ביידן
איז דער קלאָג פון מענטשן-פּײַן...

קיעוו, 1918

* * *

בלומע יאכנים געשענקט

פונ ציקל „שאבעס”

און סאמבאטיענ דער טײַכ ווערט געשטילט,
ווערט געשטילט...
אינ א בלוי-טונקעלנ יאמ זינקט פאמעלעכ די זונ.
אפ אומענדלעכער ווײַט ליגנ סטעפעס באגילדט,
אונ אנ ערעפורכט בלוי-האָריזאָנטנ פארהילט.

ס'איז א הירש שוינ געקומענ צו טרינקענ פונ טײַכ,
ס'איז דאָס וואסער א לויטער-קרישטאָלענע דעק...
מיט א צווייענדיק-ליכטיקער זעלע טרוימ איכ
פונ א לאנד דאָרט אפ יענעמ באגילדעטנ ברעג...

קיִעוו, 1918

* * *

פ'האָב געזענ איַיך אינ מאַרק אינ פרימאָרגנ-
גערויש,
ווענ אַפ שטעלנ מיט פיש, אַפ אַנ אויבספולנ קויש
אונ אַפ טויבנ, וואָס האָבנ 'רומ זעקלעכ געטאַנצט,
אונ אַפ וויַיבערשע טיכלעכ האָט זונשיַינ געגלאַנצט.

כ'האָב געזענ איַיך אַפ רוישיקער גאַס אינ דער מיט...
וויפל פּנימער, בליקנ, פאַרשיידענע טריט.
כ'האָב איַיך אַלע געזענ... אונ געקומענ אַהיימ —
האָב איך איַינערע הערצער דערפילט אינ געהיימ.

קיִעוו, 1918

* * *

מײַנ ברודערס ליפּנ בלױלעכ-געל
אונ ציטערנ... דעם לעצטנ ציטער.
װעט עמעצ קושנ זײ, אכוצ זײַנ מוטער?

מײַנ ברודערס האנט פאַרגליװערט װערט
אונ װיל די ערד אומאַרמענ.
װעט עפּשער עמעצער זי אפ זײַנ ברוסט דערװאַרמענ?..

מײַנ ברודערס פוס איז אָפּגעדעקט,
פאַרבלוטיקט אונ איינ קויט,
אונ שטיל קוקט איר זיכ איבער: טויט?..

אָ, ניינ!
פונ אלצ, װאָס איכ באַטריבט,
ז'מײַנ ברודער רײנ!

א זונ-באשײַנטער ריז האָט ער זיכ אופגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האנט אפ גאָרער וועלט...
א גרויס בלוי-שווײַגנ איז אצינד זײַנ הייכל,
אונ ס'איז זײַנ זונענבליק פאר אלעם מויכל...

קיעוו, 1918

פרילינג

איכ גיי הײנט ארויס אינ א טאָג א באנײטנ:
אפ פרילינג-באפרײטנ
אונ הארצ-ווייכנ הימל
גייט קריהע, —
פונ אלע פיר זײטנ
שוינ ציִענ זיכ פלאפלענדיק אומרײנע שטראָמענ
אונ נישטערנ, זוכנ, ווי הינטעלעכ בלינדע,
דעמ פײכט-שווארצנ בויכ פונ דער ערד.
אונ ערגעצ פונווײטנ,
אינ בלויענ פארקלערט,
ווארט אָפּ שוינ א וואָלקנ א מילדער, א ווייכער...
אונ ווענ ס'וועט פונ נאכט-פרעסטלעכ זײנ שוינ קיינ זייכער,
אונ זײנ וועט דער הימל אויכ ריינער אונ העכער,
אינ גארטנ שוינ ווייכ אונ צעגראָבנ די ערד, —
דאנ קומט בלויער וואָלקנ אפ גאָלדענע פערד.

קיִעוו, 1918

פון גאָלדענע ווײַטן

װי שאבעס-מאלאָכים אפ זײַד-בלויע הימלען,
אזוי קומט די רו אין מײַן הארצן...
און ווי אין אוונט דאָס שטילע באוועגן,
ווי זוניקער נעפל אין טאָל נאָך א רעגן, —
הייבט אוף זיך א גאָלדענע שפיל אין מײַן הארצן...

ווען זון האָט איר רײַכקײַט אף יאמען צעשפליטערט,
באגעגן איך שיפן, וואָס קומען פונווײַטן,
מיט מוסקול, ווי זעגל אין שײַנלעכן ציטער,
מיט הארצן, וואָס ווייסט שוין פון רוע נאָך שטרײַטן,
באגעגן איך שיפן פון גאָלדענע ווײַטן.

1918

* * *

איך ווייס פון אַ זומער-פאַרנאַכט
אין אַ דאָרף ערגעץ ווײַט,
ס'האָט פון פעלד זיך געקערט שוין די פּי,
און אַ טויזקע נאָגנדע ווי
איז אָפּ טונקעלע הויפן געפאַלן.
אָפּן ווײַט-שוואַרצן וואַלד
עמעץ טראָגט אַ רויט-פּליושענע קופּע אוועק
און פאַרגייט און פאַרשווינדט...
אָפּ אַ שוועל פון אַ שטוב דרעמלען אײַנעט
אַ קינד און אַ הונט.
און די נאַכט, אַזוי מלינענדיק-ווײַס,
דאָרט פון טײַך און פון יענער זײַט מיל
קומט צו שווימען אין האַרצן צו מיר
און אַ האַנט שטרעקט מיר אויס,
ווי אַ שווימער אַ מידער צום ברעג...

קיעוו, זומער 1918

* * *

אין האַרבסטיקן אָוונט, ווען ס׳כליופּעט דער
רעגן,
אין הימל — איין גאָס — איז קיין שטערן קיין מינדסטער,
און ערגעץ אַף הרעבליעס, אַף בלאָטיקע וועגן
מע נאָקעט, מע וויאָקעט, מע טאַפּט אין דער פינצטער, —

פאַרגיב מיר, מײַן גאָט, פאַרן פײַער, וואָס ברענט דאָ,
פאַר קוילן, וואָס גליִען און קוועלן און שפּילן,
פאַר זיצן און קוקן אָן זינען, אָן ציילן...

ווען ס׳וועט שוין א גרויקײַט פאַרציִען די קוילן,
און שטאַרקער וועט בלאָזן אין קוימען און הוילן,
וועט אויך אין מײַן האַרצן א שווערקײַט פאַרדרינגען.
ווי רעדער אַף הרעבליעס ביז קלעצלעך פאַרזינקען...

קיִעוו, האַרבסט 1918

(פונ אוקראַיִניש)

נאָכ קינדערווײַז שוינ לאַנג בינ איכ אַמאָל
אַרויס פונ שטוב אינ וווּנדערלעכנ דרויסנ,
דערהערט האָב איכ אַפ סטעפּעס זײַד-גערוישנ,
דער לאַכנדיקער טאָג געקלונגענ האָט ווי שטאָל.

גאָטס גאַנצע וועלט האָט זיכ געפרייט...
מיט זונ, מיט טוויע-פעלד, מיט לאָנקע,
און ס'איז צו שווער געווענ מײַנ פריידנ-לייד,
און ס'האָט זיכ פונ מײַנ קלינגענדיקנ האַרצנ
מײַנ ערשט געזאַנג אַפ וועלט פאַרשפּרייט.

1918

* * *

זײַ דאָ מיט מיר,
אינ שטילער נאָענטקײַט מיט מיר —
אונ זײַ די ווײַט פונ מײַנע נאָמענלאָזע צילנ,
די טונקלקײַט פונ מײַנע בלאָנדזשנדע געפילנ.

דײַנ קערפערס לויטערער געזאנג
פאר הארצנס קומענדיקער עלטער —
ווי ורוע-קלאנג
באמ טונקל-רויטנ זונ-פארגאנג
אפ מידע שלאכטנ-פעלדער.

אינ שטילער אומעטקײַט נאָכ שלאכט
האָט שווארצער אָדלער פונ פארנאכט
דעמ קאָפּ ביז האלדז פארטונקענ.

פונ אויסגעשפרייטנ רויטנ האָריזאָנט
דאָס בלוט צו טרינקענ...

נאָר דאַ מיט דיר,
אינ שטילער נאָענטקייט מיט דיר
מיכ ציט נאָכ ערגעצ-ווו צו נאָמענלאָזע
צילנ,
מיכ וויגט נאָכ איינ א טונקלקייט פונ
בלאָנדזשנדע געפילנ.

קיעוו, 1918

פון לעאָפּאָלד סטאַפּ

פון פרי ביז שפּעט באַזינג איך דיך,
און ווען כ'שלאָף אײַן פאַרטאָג, אָפּ ברוסט דעם קאָפּ געבויגן,
זע איך אין כאָלעם: זון, און פרייד, און קראַפט,
און דײַנע קלאָרע אויגן.

נאָר ווען איך כאַפּ זיך אויף, זע איך ניט דײַנע הענט —
ניטאָ אַרום מײַן ברוסט די וואַרעם-שטײַפע רינגען...
כ'מוז אייביק לעבן 'זוי אַליין אין פּײַן,
קעדיי פון דיר צו קאָנען זינגען.

1918

* * *

אין וואָלקנספולער טונקל-נאכט,
אינ פרוכטבאר-שטילער פרילינג-נאכט
פונ איבער פײַכטנ שווארצנ וואלד
איינ-איינציק פײַערל זיכ לײַכט.

מיט רוקנ האלב אינ הימל-גרוי
זעט אוים אינ טונקלקײַט דער וואלד,
׳זוי ווי א כײַעס ריז-געשטאלט
אפ אָפרו אויסגעצויגנ מאט.

אונ איבער אימ ווײַס-שמייכלענדיק,
׳זוי ווי א זילבער-אָזערע
אינ וואָלקנ-ברעגעס אײַנגעפאסט,
ליגט שטיל א בלאנקער הימל-שטיק.

ס׳ציט אָנ פֿונ פעלד א וווקס-גערוויש,
פֿונ קנאָספּע שיילט א בלאַט זיכ אויס,
צו אומקלאָר-ווייכע וועטקייטנ
אינ האַרצנ וואַקסט א בענקשאַפֿט אויס.

דאָס האַרצ ווערט פֿול אונ זאַפט-באַשווערט,
ווי די צעאַקערט-פֿרישע ערד,
אונ ס׳ווערט מיט טראָפּנס ווי באַרייכט
די פֿרוכטבאַר-שטילע פֿרילינג-נאַכט.

קיעוו, 1918

אין פינצטערער נאכט

אין פינצטערער נאכט, ווען איך זע זיך אליין ניט,
איך ווער נאָר א טונקלער צעפלאָסענער פלעק,
מיר הערט זיך דאָס רוישן פון כוואליעס פון ווײַטע,
וואָס טראָגט זיך צום ברעג.

אין בייזן געוויםל פון שטורמישע כוואליעס
דאָס ברומען פון שלאכטפעלד זיך הערט,
דאָרט טראָגן ארום זיך צעווילדעטע רײַטער
אף שווארצע טיטאנישע פערד.

זיי יאָגן זיך, טראָגן זיך ריי קעגן רייע
און שלאָגן זיך אָן אין דער מיט.
און ווער ס'האָט דאָס וואָפן אין לויף ניט געצילט,
פאר דעם איז שוין איצטער צו שפעט.

און מענטשלעכער קערפער און פערדישע צורע,
פארפלאָנטערט אין טלאָען-געקנעט,
איצט ראנגלען זיך האסטיק און קרעכצן ווי שטומע,
פארקרימט אין קלאָלע-געבעט.

אין פינצטערער נאכט, ווען איך זע זיך אליין ניט,
מיר זעט זיך דער שוידער פון קאמף —
מיר זעט זיך דער ווייטעק
פון לייבער פארדרייטע אין קראמפ.

1918

אינ אופשטאנד

אינ קאלטער ווינטער-נאכט, בא שײַנ פונ
בליצנדיקע שטערנ,
אפ ווײַטע געגנטנ צעפלאקערנ זיכ סרייפעס.
אינ וועלדלעכ טונקעלע,
אינ האלבע שוצגראָבנס,
בא טונקלער זײַט פונ ברענענדיקע דערפער
זיכ שלענגלענ שורעס מוירדימ
מיט ביקס אינ האנט, מיט ווארעמ בלוט אינ הארצנ.

פונ הײַזער ארעמע, פונ שטיקנדע ווארשטאטנ,
פונ לאנגע וואָגל-נעכט, פונ הונגעריקע טעג
געקומענ זײַנט איר, ברידער מײַנע פילע,
צו ווײַזנ
די פרײַז פונ שטילער מי,

דעם וויי פון אײַער לײַב,
דעם אויסגעשריי פון דוירעס און פון צײַטנ.

איך הער: ס'ברומט אופ דער קייטנ-קלאַנג פון דוירעס
קנעכט.
מיט אָרעמענ געביינ צעשאָטענע אפ לעבנס-מידע וועגנ.
ס'זידט אופ דאָס בלוט פון מענגעס מײַנע ברידער,
מיט האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אפ שלאַכטפעלדער פון קײַלעכדיקער ערד.

איך ווייס: ס'וועט צאַרטעס מענטשנ-לײַב נאָך ציטערנ
אינ אַ געמיש פון קויט און בלוט,
און ניט קיינ יאָמטעוו האָט באַלײַכט
אינמיטנ נאַכט די האָריזאָנטנ,
נאָר עמעצ וויל דעם פײַנ, און עמעצ וויל דאָס בלוט.

מײַנ בליק ווערט קאַלט, ווי גרויער טאָג פון עסקימאָסנ
אינ שנייִיק-ווילדנ לאַנד...
מיט ביקס אינ האַנט,
מיט וואַרעמ בלוט אינ האַרצנ
פאַרטײַע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם סוינע.

קיִעוו, 1918

* * *

דערפאר, וואָס ליב געהאַט האָסט מיכ
אונ אונטערטעניקײט איז ניט געווענ אינ דײַנע אויגנ, —
דערפאר דערמאָנ איכ דיכ.

אונ לעבנ האָסט געוואָלט, ׳זוי ווי א פרײַער סטעפּ
פאר יעדנ ווינט-געברענגטנ זוימענ,
נאָר ליבע איז דײַנ לייד געווענ,
אונ מיט פארקלעמטע ציינ ביסט ווי א גלײַכע
ארויסגעגאַנ אינ קאַמפּ.

דערפאר, ווענ איכ דערמאָנ זיכ,
רוישט ווידער אופ מײַנ בלוט,
אונ הייליק ווערט פאר מיר

די רײנע בערגער-הײכ,
װו מיר — צװײ בלוטדאַרשטיקע אָדלערס —
געטראָפנ האָבנ זיכ בא אײנ פאַרצוקונג.

דערפאַר, װאָס קלאָר ז'געװענ אונ רײנ
דײַנ יעדערע באַװעגונג,
אונ ליב האָבנדיק מיכ,
גערעדט האָסטו צו מיר, װי ס'רעדט צום בױמ
די האַק אינ האַנט פונ העקער.
אינ מײַנ האַרצנ-הײכ ס'רױשנ אַלע װונדנ,
אונ כ'גיב דײַנ צײַכש דיר אָפּ —
אַ נאַכט אינ װײַטעקדיקע טרױמענ.

1919

* * *

געבענטשט זאָל זײַן די האַנט,
וואָס האָט אײַנמיטן וואַלד
אַף צווײַגל איבער קוואַל
פון פראָסטער קאָרע מיר געלאָזט אַ קריגל.

געבענטשט זאָל זײַן די האַנט,
וואָס האָט אין ריזן־שטאָט, אַף ריזן־שטאָק
פון יעדער זײַט געפּאַסט
און אײַנגעקלעפּט דעם ציגל.

איך האָב באַהעפט זיך צו דײַן לייד,
איך בין דער שותּף פון דײַן פרייד,

מײַנ ערגעצ װײַטער ברודער!
איכ קוש די ערד, װאָס דײַנע פיס באַטרעטנ...
דער נאכט, װאָס גיט דיר רו,
פארטרוי איכ מײַנע זעליקסטע געבעטנ.

1919

* * *

אין טריבנ מענטשנ-לאַנד,
פאַר דעם, וואָס פאַלט שוין אונטער לאַסט פונ פּלאָגנ,
וואָס קאָנ איכ זאָגנ?
פאַר דעמ, וואָס קילט מיט אַש דעמ ווי פונ זײַנע לײדנ,
וואָס זאָל איכ רײדנ?

מיט אײנעם קלײד אַפ מײַנע לענדנ,
מיט קאָפּ אַנטבלויזט,
מיט בלוט, וואָס אינ מײַנ האַרצנ ברויזט,
וועל איכ צו וויסטעניש זיכ ווענדנ.
די הײל וועט זײַנ מײַנ וווינונג פונ באַנאַכט,
אונ ווירבל-ווינט אונ מידבער-זאַמד מײַנ כאַווער פונ באַטאָג...

און כ׳וועל אינ לאנד צוריק ניט קערנ,
ביזוואנענ
איכ וועל דאָס אויסלייז-וואָרט, דאָס פולע, ניט
דערהערנ.

קיעוו, 1919

* * *

מײַנ ברודער! כ'האָב דערזענ אינ דיר מײַנ
ווייטעקדיקנ גײַסט,
אפ פעלדער אומעטיקע זע איכ, ווי דו שפּרײַזט
אינ פּײַנ פונ מײַרעווס רויטער שײַנ
אונ טראָגסט פאַר זיכ דײַנ גרויסנ זײַנ.

איכ האָב דערזענ אפ דיר מײַנ לײַב, וואָס איז געפאנגענ.
אפ אײַזערנע, אפ פעסט-געשמידטע שטאנגענ
דערזענ האָב איכ דײַנ בלוט פארשפּריצט...
מיט פײַערדיקע אויסנעם געקריצט
וועט שמענדיק זײַנ
אינ הארצ בא מיר דײַנ פּײַנ...

1919

אומעט

אין ליבלעכסטנ פונ מײַנע שמייכלענ,
אינ פרײַנטלעכסטנ פונ מײַנע בליקנ —
איז שטענדיק דאָ דער אומעט, ווי א גאנעוו.

נאָר הײַנט איז ער מיט מיר
דורכ אופגעמאכטער טיר
געקומענ, ווי א גאסט, פארבעטנ אפ א סודע.

ער גייט פונ קינד, וואָס איז פארטריבנ,
ווענ פאָטער איז מיט פרוי אינ הייל פארבליבנ.
אפ וועגנ איינזאמע דעריאָגט ער מיך אצינד
אונ לייגט זיך אפ מײַנ הארצ,
ווי טונקלער ווינטער-טאָג אפ שווײַגנדיקע פעלדער.

איכ לאָז זיכ שטיל אַראָפּ צום שטאם פונ מײַנע לײדנ
אונ וויים ניט, צי איז מײַנ לײד אפ וואָגשאָל פונ די
וועלטנ...

איכ זע, ווי ס'קוקנ בלוי געבונדענע קאָרבאָנעס,
אפ וועלט אונ אויסוועלטנ מײַנ צאר הײבט אָנ צו וואקסנ,
אונ אַלטער אומעט קומט, ווי ווינט פונ האלבער נאכט,
צו זאָגנ מיר:

אינ טיפסטע ווײענ בלײַבסטו שטענדיק עלנט,
מיט הארצ אונ מיט געדאנק אפ טאָפּלדיקע וועלטנ,
אונ ווי א שטילע שאָפּ צו רוענ אפ באנאכט
גענענענ וועט דער טויט אונ אײַנשלאָפנ מיט דיר...

אונ שווער' ווערט מיר פאר נאָכ נישט אויסגעלעבטע טעג,
וואָס שטײענ אופ, ווי צײכנס אפ אנ אַלטנ וועג,
אונ שווער ווערט מיר אונ ווײ פאר גאנצער וועלט,
וואָס פארנ כאלעפ האָט א טפילע אפ די ליפּנ...
אונ כ'נעם די זײַלנ אָנ פונ מײַנער וועלט אונ גלויבנ
אונ זאָג:
איכ, מענטש, מיט קלײנע טריט, פארלוירנ אפ די פעלדער,
איכ, מענטש, מיט טרויעריקנ לײַב אונ ניט באגלײבטנ
הארצנ —
וואָס נאָכ ווארט איכ?..

קיעוו, 1919

* * *

די שוואַרצע מוטער-נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער סוינע בא די טויערן!

פון טיף פון האַרץ
זיך רײַסט א ווילד-געשריי:
— דער סוינע בא די טויערן!

אפגיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — א פאָן —
— דער סוינע בא די טויערן!

1919

בריון

מיר ברענגענ דאָ 17 בריוו פונ אָשער שוואַרצמאַנענ צו זײַנע פרײַנט — דאָוויד אונ ניוניע האָפּשטיינ, סוניע אונ ראָכל ציאָנאָווסקע, באַסיע קימעלפעלד, י. לוואָווסקי אונ צו זײַנ פרוי אַדעל מאַרמאָר. די ערשטע 15 בריוו נעמענ אַרומ דעמ פּעריאָד 1912—1916, ד. ה. די יאָרנ, ווענ אָ. שוואַרצמאַנ איז געווענ אינ דער צאַרישער אַרמיי, ווי אויכ די יאָרנ אַפנ פראָנט בײַמ ערשטער וועלט-מילכאָמע; די לעצטע צוויי בריוו פונ 1919 צו אַדעל מאַרמאָר זײַנענ פונ דער רויטער אַרמיי, אינ וועלכער אָשער שוואַרצמאַנ איז אַרײַנגעטראָטנ אַלס פרײַוויליקער. אייניקע בריוו זײַנענ עטוואָס געקירצט.

1

צו ס. און ר. ציזאנאָווסקע

אָנ א דאטע. דער בריוו איז, אָנ סאָפעק, געשריבנ פונ קאליש אינ אָנהייב פונ שווארצמאנס מיליטער-דינסט, אנערעכ אָנהייב 1912

סוניע און ראָכל.

„ברייט, ווי טײַכנ, פליסט גאָטס נאכעס, העכער הײַזער גאָטס גענאָד". אוואדע, נאָר פונדעסטוועגנ, ווענ איכ זאָל ניט האָבנ מײַנ ביסעלע סייכל-האיאָשער, וואָלט איכ די ווענט פונ דער קאזארמע מיט די ציינ צעריסנ און וואָלט אוועק פונדאנענ. אינ א פראָסטיקנ ליכטיקנ טאָג, שטעלט אײַכ פאָר, פאָרנ מיר ארויס א מאַנ הונדערט — די היטלענ אפ דער זײַט, אפ די שיינע ריינע פערד,— איז א ביסעלע פריילעכ. מיר ווארטנ שוינ אפ דער צײַט פונ די מאנעוורעס, און די אלטע סאָלדאטנ דערציילנ „ניסימ-וועניפלאָעס" און גאנצע גליקנ פונ א „סטאָיאנקע" אינ א פויליש דאָרפ, ווו די פויערימ נעמענ אופ מיט גרויס אכטונג די מאָלאָדצע-וואטע דראגונעס.

איינער א יִדישער סאָלדאט האָט מיר דערציילט וועגנ זײַנע גליקנ בעשאס זיי זײַנענ איינמאָל אזוי געשטאנענ אינ א יִדיש שטעטל. דערווײַל אָבער לײַדנ מיר גענוג. ס'איז זייער שווער איבערטראָגנ דאָס ענגשאפט פונ דעמ קאזאר-מע-לעבנ.

זײַט געזונט און שרײַבט מיר. דעמ גרעסטנ דאנק, וואָס מע קענ נאָר געבנ, גיב איכ פאָר אײַערע לעבעדיקע ווער-טער, וואָס איר האָט מיר געשריבנ.

אָשער

*2

צו ב. קימעלפעלד

פּאָטשט-האָטע: קאַליש, 21. 10. 12

זייער און זייער געערטע באָסיע.

איך פלעג אײַך אָפּט דערמאָנען, נאָר, ניט באַקומען פון אײַך קיין ענטפער אַף מײַנע ערשטע צוויי בריוו, האָב איך שוין, געוויינלעך, ניט געוואַרט אַף קיין בריוו פון אײַך, און פּלוצלינג — אײַער קאַרטל... שטעלט זיך פאָר, דאָס איז געווען פאַר מיר אַ פריידיקע איבעראַשונג. איר ווילט וויסן, ווי איך לעב. שטעלט זיך פאָר מיך אַף אַ פערד, מיט דער שאַשקע אַף דער זײַט, מיט אַ ביקס אַף די פּלייצעס און מיט אַ פּיקע באַם פוס, און ווייסט, אַז איך האָב זיך אַזוי אָנגעטאָן ניט בלויז צוליב דעם, אַז איך זאָל זיך באַווײַזן פאַר אײַך, נאָר אַזוי לעב איך איצט. צו אַ פערד דאַרף מען זײַן אַ זאַרגזאַמער באַלעבאָס און צו געווער — אַ געשיקטער קריגס-מאַן. יעטווידע אָפּווײַכונג ברענגט מיט זיך גרויסע אומאָנגענעמלעכקײַטן. אַף אַלץ גיט מען אַכטונג, און אַלץ פאָדערט מען...

פונדעסטוועגן געפינ איך צײַט אַף לייענען. איך לייען שוין און פאַרשטיי פּוילישע ביכער. באַקאַנטע האָב איך ווייניק, גוטע באַקאַנטע — קיין איינעם ניט.

זײַט געזונט, איך בעט מיר שרײַבן.

אָשער

קאַליש, 14-טער חראָגונער מאַלאָראָסישער פּאָלק, 5 עסקאַדראָן, אָשער שוואַרצמאַנען.

* מיט שטערנדלעך זײַנען אָפּגעמערקט די בריוו, וואָס זײַנען איבערגעזעצט פון רוסיש.

*3

ר. האָפּשטײנענ

קאליש, זומער 1914, ערעוו דער מילכאָמע

טײַערער ברודער מײַנער! דעמ עמעס געזאָגט, האלט איכ נישט פאר נײטיק צו בעטנ באַ דיר אַנטשולדיקונג פאַר מײַנ שװײַגנ. דו װײסט, איכ דערװארטונג אפ מאָביליזאַציע קומענ פאַר פארשטארקטע איבונגענ, אפ פערד און צופוס, מיט ביקסנ, שאשקעס און פיקעס. באטאָג איז אבסאָליוט נישטאָ קײנ צײַט עפּעס װאָס אָנצושרײַבנ. אינ בעזשבנ פונ דעמ נאָכמיטיקדיקנ אָפּרו גײט אַרײַנ: אָנטרינקענ די פערד און קלענערע ארבעטנ אינ פערד-שטאל, װי אױכ שײלנ קארטאָפּל, און פונ דעמ גאנצנ אָפּרו בלײַבט קױמ איבער א האלבע שאָ. דאָס אָװנטיקע רײניקנ די פערד ענדיקט זיכ האלב זיבנ, דערנאָכ איז אָפּטמאָל „סלאָװעסנאָסט‟. אינ קאזארמע איז א טומל און א הו-הא און מע מוז צולײגנ ענערגיע, קעדײ אפ א האלבער שאָ זיכ ארױסכאפּנ צו א באקאנטנ לײענענ א צײַטונג. דאָס איז א ביסל װעגנ מײַנ לעבנ. טײַערער, איכ בינ זײער צופרידנ, װאָס דיר איז געלונגענ זיכ אײַנצואָרדענענ: זאָל כאָטש בלױז אײנער לײַדנ. דו װײסט, מײַנ ליבער, איכ פארליר נישט די מוט, פארקערט: פונ דער שװערער ארבעט מערנ זיכ די קױכעס, פונעמ שװערנ דרוק װערט גרעסער די ליבע צו פרײַהײַט. װײסט, איכ בינ זײער צופרידנ פונ דײַנע בריװ. איכ האָב דיכ ליב, זײער ליב. איכ בעט דיכ אָנשרײַבנ גיכער. דער רועכ זאָל עס נעמענ, איכ האָב ערשט באמערקט, אז עס האָט זיכ באקומענ א ליבע-בריװ. נו, זאָל זײַנ אזױ. גיב איבער א גרוס ניונענ און שרײַב אָנ איר שװעסטער, אז איכ בינ איר זײער

און זייער האנקבאר פארן גרוס. איך האָב שוין באקומען 2 קארטלעך פון באסיען. צי שרייבסטו זיך מיט איר איבער? זײַ געזונט.

אָשער

קאליש, 14־טער חראגונער מאלאראסישער פאלק, 5 עסק.

אָ. ש.

4

פון א בריוו צום ס. ציאנאווסקע

אַן א דאטע, איז, אַן סאפעק, געשריבן
אין די ערשטע מילכאָמע־טעג פון פראָנט

...איצט א ביסל פון זיך: ס׳איז אינטערעסאנט, סוניע, ווען עס דרייען זיך ארום 8—10 מענטשן אף אייגענער פאר־אנטוואָרטלעכקייט אין א געגנט, וועלכע איז ניט אונדזערע און ניט דעם סוינעס, ווו ס׳דרייען זיך אויך ארום דעם סוינעס ראזיעזדן, נאָר שטענדיק זײַנען מיר נעענטער צו זייערע הויפט־קויכעס, ווי זיי צו אונדזערע, ווייל זיי האָבן מוירע צו גייך ווײַט. און אָפט קומען פאָר פלוצלינגע אָנפאלן פון זיי אף אונדז און פון אונדז אף זיי. דערפאר, אז מע ווערט אין אזא פאל געהארגעט אדער פארוווּנדעט, קומט מען שוין ניט צו „קייווער־יִסראָעל", מע בלײַבט ערגעץ ליגן אין א וואלד, אין א זומפּ, און אי אונדזערע, אי זייערע צעלויפן זיך. נאָר א גוטער קאוואלעריסט לאָזט ניט איבער זײַן פאר־וווּנדעטן כאווער, סײַדן ס׳איז שוין לעם ברייירע.

זײַט געזונט, סוניע, גלייבט מיר, אז מיר וועלן זיך נאָך זען.

אײַער בעסטער פרײַנט

אָשער

*5

צו ב. קימעלפעלד

18 דעקאַבער 1914

גוטע אומפאַרגעסלעכע באַסיע.

ס'איז שוין פאַריבער פינף כאַדאָשים מילכאָמע און פון אײַך קיין איין בריוועלע. ווען מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן אַפ דער מילכאָמע, האָב איך אײַך געשיקט אַ בריוו, וואָס איר האָט אים, דאַכט זיך, טאַקע דערהאַלטן מיט צוויי כאַדאָשים צוריק. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון דאָוויד האָפ[שטיינען], וואָס ער האָט געשיקט נאָך אין אַווגוסט, און ער האָט טאַקע געשריבן, אַז איר האָט מײַן ערשטן בריוו דערהאַלטן.

איר ווייסט, די מילכאָמע האָט אויסגעלערנט מיט אַלץ שאָלעם צו מאַכן, און איר זעט מיר אויס אַזאַ ווײַטע... און איך שרײַב אָט דעם בריוו קימאַט קאַלטבלוטיק און בעט אײַך באַערן מיך מיט עטלעכע ווערטער. איך דערמאָן זיך אָבער אָפט אין אײַך; ווי איר זעט, שרײַב איך אײַך; און איר האָט דען אינגאַנצן פאַרגעסן אין מיר? צי דערמאָנט איר זיך ניט קיינמאָל אין דעם פאַרגאַנגענעם? אײַער פאָטאָגראַפיש קאַרטל האָב איך ערשט ניט לאַנג פאַרלוירן צוזאַמען מיטן נאָטיץ-ביכל אַפן נאַכטלעגער בײַם אַ נאַכט-אַליאַרעם. און גלייבט מיר, דאָס איז געווען פאַר מיר דער גרעסטער פאַרלוסט, נאָר אומקערן זיך איז שוין געווען אומעגלעך.

זײַט געזונט.

אָשער

6

ד. האָפשטיינענ

דוכט זיכ, דער 19-טער אָדער
20-טער פעווראל 1915, פראָנט

דאָוויד, טײַערינקער דאָוויד!

א גרויסנ דאנק דיר פאר דײַנ בריוו, אויב ס'איז נאָר אָנגענומענ צו דאנקענ איצט פאר א בריוו. א נארישקײַט! דו ביסט פאר מיר א פארבינדונג מיט א גאנצנ צווײַג קיעווער באקאנטע. א שטיק צײַט האָבנ מיר זיכ געהאט ניט איבערגעשריבנ, אונ דאָס האָט מיכ געארט, אזוי געארט, אז איכ בינ א ביסל בארויגעז געווענ אפ דיר, אונ מיט דײַנ איצטיק קארטל האָט פאר מיר אופגעלעבט א גאנצע שטיק פונ מײַנ פריִערדיקנ לעבנ. וואָס מער צײַט ס'גייט אוועק, אלץ מער דוכט זיכ מיר אײַער וועלט אלס ניט קיינ רעאלע. עס דוכט: אײַכ אונ אײַער לעבנ וועל איכ קיינמאָל מער ניט זענ, ווי אינ דער פאנטאזיע, אונ די בריוו, די בריוו גייענ ערגעצ אפ אנ אנדער וועלט. עפעס א מינ דערהויבענע שפיל.

מע האָט זיכ אזוי אײַנגעוווינט, אזוי איז דאָס אונ אזוי דארפ דאָס שטענדיק זײַנ: דײַטשנ אינ קאסקעס אלס כײַעס, אָקאָפנ, דראָט-פארצוימונגענ, באטארייעס שיסנ, די 4 הארמאטנ רעווענ, ווי עמעסע לייבנ, אונ ווענ מע שטייט לעבנ זיי, פילט מענ זיכ אזוי זיכער, מע פילט זיכ אליינ כאָטש ווי א וואָלפ. די 4 שווארצע סאָלידע הארמאטנ מיט די מײַלער אָפנ אהינצו... זײַנענ אוואדע וויכטיקער פונ אונדז, אונ מיר, קליינע וועלפעלעכ, באגלייטנ די הארמאטנ אפ דער פאָזיציע, אונ דאָרטנ זעצנ מיר זיכ ארײַנ אינ אָקאָפנ אונ היטנ, אז די „כײַעס" אינ קאסקעס זאָלנ זיכ ניט א לאָז טאָנ אונ כאפנ אונדזערע הערנ הארמאטנ פאר

גאָרגל. אַפּט בײַט מען זיך. פֿאַרנאַכט, ווען ס׳ווערט רעכט פֿינצטער, רוקן מיר זיך אַרויס און אַנדערע גייען אַרײַן. אונדזערע פֿערד שטייען שוין גרייט הינטערן וועלדל און מיר פֿאָרן אַוועק אין נאָענטן דאָרף. 30 מאַן אין איין שטיבל. מע קאָכט, מע פּרעגלט, סע ווערט אַ רויך, ווער עס טראָגט שוין שטרוי און לייגט זיך שלאָפֿן. אַקלאַל, ס׳איז דאָ אַ סאַך צו שרײַבן. אַמאָל איז שלעכט, אַמאָל ערגער, אַמאָל גאָר ביטער. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. ס׳ווערט אַ מין „לעבן״: געווען אַף דער אַרבעט, געקומען און ס׳דוכט — אַזוי וועט זײַן און אַזוי דאַרף זײַן. און וועגן אײַך — עפּעס אַ מין שיינער טרוים, וואָס וועט שטענדיק בלײַבן אומבאַגרײַפֿלעך. נאָר אַזאַ מין אַרבעט האָבן מיר נאָר גראָדע איצט אַף די אָפּגעשטעלטע פּאָזיציעס לעבן פּלאָנסק. און פֿריִער האָבן מיר געהאַט באַזונדערע קאַוואַלערישע אַרבעט. איך האָב קיין צײַט ניט, איך אײַל זיך צו פֿאַרענדיקן דעם בריוו.

זײַ געזונט און לאָזן זײַן געזונט אַלע גוטע און שיינע, וואָס זײַנען דאָרט אין דער היים. הער, עס טרעפֿט אַמאָל, מע פֿאָרט דורך אַ וועלדל און ס׳איז גראָדע אופֿגעלייגט אַפֿן האַרצן. און עס טראַכט זיך און פֿאַרלאַנגען ווילן אַרויסשפּרינגען פֿון האַרצן און ווערטער פֿון מויל, און ס׳דוכט: איך בין אין דער היים און כ׳דערצייל און דערצייל און כ׳קאָן אײַך ניט דערציילן, אַזוי ווי אין אַ שטומען שלאָף, און כ׳ווער שיער ניט מעשוגע, וועלנדיק זען אינדערעמעצן כאָטש עמעצן פֿון אײַך. זײַט אַלע, אַלע געזונט, מײַן בעסטן גרוס שיק אַרקען. ס׳ווײַזט זיך אויס, כ׳רייד טאַקע מיט דיר און ס׳טוט באַנק איבערײַסן דעם בריוו.

זײַ זשע געזונט און שרײַב שטענדיק, שטענדיק.

אָשער

7

ד. האָפּשטיינענ

פראָנט. 1915

טײַערינקער אונ ליבער דאָוויד. געווײַנלעכ, דער איקער, בא וואָס איכ האָב זיכ אָפּגעשטעלט, לייענענדיק דײַנ בריוו, איז בא דעמ גרוס פונ דײַנ זונ. עפּעס אַזעלכע נײַע געדאַנקענ זײַנענ ארופ אפנ זינענ, עפּעס אַזעלכעס וואונדערלעכ-ערנסטעס אונ ברייט-פארשלינגענדיקס, ווי בא דער זעונג פונ א גרויסער אָפּענער נאַטור-פּאַנאָראַמע אינ אָנהייב הארבסט, ווענ די זונ נאָכ האלבנ טאָג בלענדעט ניט, נאָר הענגט אזוי לויטער אונ קלאָר. אונ אלעס, וואָס כאַפּט זיכ מיטנ אויג אפנ גאַנצנ פעלד, — אנ איינצלנע געבײַדע, אנ איינצלנע סאָסנע אָדער בארנבוימ ביזנ סאַמע גרויסנ וואַלד מינעט זיכ ניט אינ שטראלנ, נאָר ווײַזט זיכ ארויס אזוי דײַטלעכ אונ וואונדערלעכ-פּראָסט מיט יעדער ליניע, מיט יעדנ בייג, אונ א מינ שטילע אונ רויִקע פאַרטראַכטקײַט איז אויסגעגאָסנ אפ אלעס. איכ ווייס ניט, אויב איכ האָב דיכ דערפילט ריכטיק. אלנפאלס, מיר דוכט זיכ אזוי, אונ עפשער איז דאָס אנ אָפּשפּיגלונג פונ מײַנ אייגענער שטימונג...

אָשער

*8

צו ס. ציִאָנאָווסקע

1-טנ מײַ 1915

מײַנ טײַערע אומשאצבארע סוניע!

קיינ איינ בריוו דײַנעמ לאָז איכ ניט אָנ אנ ענטפער. אָט דאָ ניט לאנג האָב איכ דיר געשיקט א בריוו, אונ די טעג האָב איכ דערהאלטנ פונ דיר א קליינ קארטעלע אונ א

בריוו, אין וועלכע דו קלאָגסט זיך, פאַרוואָס איך שרײַב ניט, און מאָנסט בריוו. און מיט גרייטקײַט און מיט גרויס פאַרגעניגן שרײַב איך דיר ווידער, ס׳איז דאָך אַזוי אָנגענעם צו ריידן מיט דיר. כאָטש קיין נײַס איז ניטאָ. ביז איצט זײַנען מיר געווען אין די אָקאָפּעס; אונדז האָט פאַרביטן די פּעכאָטע [אינפאַנטעריע], און ס׳איז שוין עטלעכע טעג, אַז מיר רוען זיך אָפּ. איינציקע רײַטער-איבונגען און דאָס אכטונג געבן אויפן פערד — אָט אין וואָס דער טאָג גייט דורך. און טעג שטייען וונדערשיינע. דאָס דאָרף, וווּ מיר שטייען, — אַ ווערסט 10 פון די אָקאָפּעס — צייכנט זיך אויס מיט „זעלענקעס” (גרינע פעלדער) צווישן די הויפן. די הויפן זײַנען פון איין זײַט גאַס, און פון דער אנדערער — ציען זיך שוין פון סאַמע וועג ברייטע גרינע פעלדער, סעדער א סאך, און אלע זײַנען זיי איצט „ווי מיט מילך אָפּגעגאָסן”. און אָט אין אַזוינע טעג טראַכט איך: וואָס וועט זײַן, מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? שטעל זיך פאָר, ווי ס׳וואָלט זיך געגלוסט זען כאָטש איינעם פון אײַך; און ס׳איז אַזוי פּײַנלעך, וואָס אין אַזאַ צײַט קומט אויס מיט פאַרבאָרגענעם ווייטעק צו היטן אין זיך אַזוינע געדאַנקען:

און ניט נאָר דײַן שנײַער וועט שטיין אָן אַ דאַך,
אָן טיר און אָן פענצטער צעבראָכן דײַן הויז —
קיין זאַנג וועט ניט בלײַבן צו זעטן אַ מויז
באַ דעם, וואָס געווען איז מיט ברויט-סקירדעס רײַך.

דײַן פאָלק וועט צעפאַלן, ווי האָלץ, וואָס צעפוילט,
אַזויווי פון מאָל אַ צעגעסענעם קלייד,
דערפאַר, וואָס מײַן פאָלקס אומגעהייערן לייד
האָסט געמאַכט פאַר דײַן פרייד.

פרוער האָט זיך געשריבן אזוי:

די נאכט האָט באדעקט מיך מיט פינצטערע פליגל,
און ווידער מיך הילט לאנגע פארגעסענע רו...
...און ס'דוכט מיר, אין סאמע מיט פעלד אף די קני
שטייט עמעצ א גוטער, און פליסטערט, און בעט:
— מיין גאָט, אויב געווען איז דיין צאָרן אף זיי,
וועט איצט דיינע ראכמאָנעס ניט זיין נאָך צו שפעט.
דעם רייטער, וואָס בלאָנדזשעט באנאכט אָן א וועג,
די דאָרפישע פייערלעך צינד אָן צוריק;
אין שטעטל, וואָס שטייט דאָ פארפינצטערט און שטום,
איין זיבערן לויכטנדן פענצטער קער אום.

. . . .

ווען ס'איז שוין אין שניי קיין איינציקע שטרוי,
פארוואָס זאָל נאָך שטיין ניט געאקערט דאָס פעלד?
און אָרעמע שטעטעלעך אויסגיין אָן ברויט
דערפאר, וואָס די וועגן מיט מוירע פארשטעלט.

אזוי קלערט זיך, סוניע, און אזוי טראכט זיך, און ס'הארצ איז א קעסל.

אזייגער 6 האָב איך מיין פערד אויסגעבאָדן, — א שיינינק פערד בא מיר, נאָך פון קאליש. דעם ווינטער האָט עס זיך שטארק אויסגעמוטשעט, איצט האָט עס זיך גוט פאָפּראוועט, האָט געביטן די האָר און גלאנצט ווי א שפּיגעלע.

נאָכן באָדן האָט עס זיך געפּאשעט, און איך בין געלעגן דערנעבן. אָט אזוי פארגייען פארנאכטן. איך וואָלט נאָך גע־שריבן, איז ניטאָ ווו, זיי געזונט.

דיין אָשער

9

ד. האָפּשטיינען

מאָסקווע, 15 יול, 1915

מײַנער ליבער דאָוויד. פֿאַרווונדעט האָט מען מיך דעם 3 יול און איצט בין איך אין מאָסקווע אין ייִדישן שפּיטאָל. מײַן ווונד הײלט זיך גאַנץ גוט, נאָר אײן קויל ליגט נאָך אין פֿוס און מע דאַרף זי אַרויסנעמען. ווי מע זאָגט דאָ, איז דאָס אַ גאַנץ גרינגע זאַך.

מײַן ליבער מײַנער. איך האָב מורא, אַז ס׳וועט מיר אפֿילע ניט אויסקומען צו זען זיך מיט אײַך, און אַזוי וועל איך אַוועקפֿאָרן אויף דער פּאָזיציע, ווײַל איצט לאָזט מען שוין ניט אַפֿ אַהײם אפֿילע אויף עטלעכע טעג. איך וועל, געווײנלעך, זען טאָן וואָס מעגלעך, אויב מע וועט נאָר קענען, קומען אַהײם כאָטש אויף אַ פּאָר טעג.

דאָ אין שפּיטאָל ליג איך אין בעט, איך קען נאָך ניט גײן, און איך וועל שיר ניט מעשוגע פֿאַר לאַנגווײַליקײַט. איך שלאָף ניט בײַנאַכט, ס׳טוט מיר ווײ דער קאָפּ ליגנדיק, און די זײַטן, ווײַל אַזוי בין איך געזונט, נאָר די ווונד איז אין דער קני פֿון רעכטן פֿוס (דער בײן ניט אָנגערירט), איז קאָן איך נאָך ניט גײן.

דאָוויד. אין דער שלאַכט, אין וועלכער איך בין פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט אָנטײלגענומען אויך דער פּאָלק, אין וועלכן אַרקע דינט. דער פּאָלק איז שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן. זע, דערוויס זיך, וואָס הערט זיך מיט אַרקען, און שרײַב מיר דערפֿון...

דײַן אָשער

*10

י. לוואָווסקינ

יול-אווגוסט, 1915, מאָסקווע

דעמ 18-טנ [יול אָדער אווגוסט 1915] האָב איכ דערהאַלטנ דײַנ בריוו.

מיינ ניט, טײַערער, אַז איצט בינ איכ רויִק. גלייב מיר, איכ בינ איצט אינ אַ געוויסנ זינענ אַ סאַך אומרויִקער, ווי פֿריִער. אינ מײַנ לאַגע איצט איז דאָך ניטאָ קיינ שטענדיקײַט. ס'איז אַ גאַנצ קורצע איבערגאַנגס-צײַט. ווײַטער, בעשאַס איכ בינ אַפ דער פּאָזיציע געווענ, איז דער נעשאָמע-צושטאַנד געווענ צוגעפּאַסט צומ אַרומיקנ, איכ האָב געווּסט, ווו איכ בינ און וואָס איכ בינ, און די ראָל, וואָס איכ שפּיל. איצט איז אַ נײַע לאַגע מיט נײַע מעגלעכקײַטנ און עס צערייצט נאָר. אַפ דער פּאָזיציע האָט מיכ ניט געערגערט, פֿאַרוואָס איכ קאָנ אײַכ ניט זענ, און איצט איז דאָס באַ מיר אַ דאָסאַדע. כוצדעמ, דאָרט איז געווענ פֿעלד און וואַלד און פֿרײַע נאַטור, און אינ געוויסע צײַטנ פֿלעגט זײַנ גאַנצ אָנגענעמ.

אַפּילע דעמ אינדערפֿרי אײדער מע האָט מיכ פֿאַרווונדעט (געווײַנלעכ, כ'האָב ניט געווּסט, צי מע וועט מיכ פֿאַרווונדנ, און כ'האָב קימאַט ניט געגלייבט דערינענ), געדענק איכ, האָב איכ זיכ געפֿילט אינ פֿיל מאָל בעסער, איידער איצט אינ לאַזאַרעט. און ניט דערפֿאַר, ווײַל די ווונד טוט מיר וויי. די ווונד היילט זיכ זייער, זייער גוט און ס'טוט מיר קימאַט גאָרניט וויי, אינ עטלעכע טעג אַרומ וועט מענ די קויל אַרויסנעמענ. זי זיצט ניט טיפֿ. דאָס ערגסטע איז פֿאַר מיר, וואָס זײַענדיק אינ לאַנד, זע איכ ניט

קיינ נאָענטנ מענטשנ לעבנ זיכ, אונ דאָס שטיקל גאס, וואָס זעט זיכ פונ פענצטער, איז שוינ זייער נימעט געוואָרנ. קומענ קיינ קיעוו איז אומעגלעכ בא מיינ גרעסטנ ווילנ.

די צייט פונ מיינ זיינ אינ מאָסקווע איז אָפּהענגיק פונ דער וווּנד, וואָס וועט אויסקומענ מאכנ באם ארויסנעמענ די קויל.

ז י י ג ע ז ו נ ט, ד י י נ אָ ש ע ר.

Москва, Таганка, Семеновск., 26. Лазарет при фабрике Белова.

(אינ זעלביקנ בריוו איז דאָ א צושריפט צו ס. ציאָנאָווסקע)

סוניע טייערינקע, כ'האָב דערהאלטנ דיינ קארטל. איכ ווייס, טייערינקע, אז קומענ צו מיר איז פאר אייכ זייער א שווערע זאכ, אונ איכ האָב גאָר קיינ האָזע ניט צו בעטנ וועגנ דעם, כאָטש דאָס וואָלט געווענ דאָס גרעסטע, וואָס קענ זיינ פאר מיר איצט. וויפל איכ וועל זיינ דאָ אינ מאָס-קווע, ווייס איכ ניט קלאָר, איכ רעכנ, אז נאָכ א וואָכנ 3. איכ פיל זיכ דאָ ניט איבעריק גוט, כאָטש איכ גיי שוינ ארומ נישקאָשע אונ פיל קימאט קיינ ווייטעק ניט. אויב ס'וועט זיכ מיר איינגעבנ, וועל איכ זענ גיינ אינ די מאָס-קווער בילדער-גאלערייענ, דערווייל האָב איכ נאָכ די שטאָט אקוראט ניט געזענ.

שרייב גיכער.

א י י ע ר אָ ש ע ר

*11

צו ב. קימעלפעלד

מאָסקווע, 20 סענטיאבער, 1915

עמעס, באָסיע, עמעס.

אין אונדז איז פאַראַן עפּעס פאַרבאָרגנס, וואָס מיר שרעקן זיך אויסצודריקן מיט ווערטער, מוירע האָבנדיק פאַר דער גראָבקייט פון דער פאָרם.

און איך פאַרשטיי אײַך טיף. איך האָב אײַך פאַרשטאַנען שוין דעמאָלט, ווען איך האָב אײַך געזען דאָס ערשטע מאָל אויף דער דאַטשע אין וואַלד, ווען איך האָב אַ צערודערטער געבראָכן אַלץ, וואָס איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין האַנט, און איר האָט זיך געריכט, פילנדיק אין זיך די סיבע פון מײַן צערודערטקייט. איך האָב אײַך פאַרשטאַנען דעמאָלט, ווען איר האָט זיך געקליבן עפּעס זאָגן מיר, און נאָך מער האָב איך אײַך פאַרשטאַנען, ווען איר האָט אָט דאָס „עפּעס" בעשו־מויפן מיר ניט געקענט זאָגן, און ס'האָט מיר אַזוי פאַר־דראָסן, נאָר איך האָב געשוויגן, דערפאַר וואָס איך האָב אײַך פאַרשטאַנען. און האָב פאַרשטאַנען, אַז איך וועל דאָ מיט גאָרנישט ניט העלפן.

און איצינד, ווען ס'איז שוין פאַריבער פיר יאָר, אין פאַרלויף פון וועלכע מיר פלעגן זיך גאַנץ זעלטן דורכשרײַבן, און איך האָב אויף קיין מינוט ניט אויפגעהערט צו שטאָלצירן מיט דעם, וואָס אײַער געשטאַלט איז אַזוי העל אין מײַנע דערינערונגען, — איצט פאַרשטיי איך אײַך אויך טיף און וואָלט געוואָלט, אַז ס'זאָל ניט בלײַבן גאָרנישט אומפאַר־שטענדלעכס צווישן אונדז.

איך בין אַזוי אומרויִק:

איר שרײַבט, אַז איר ווייסט ניט, ווו איר וועט וווינען.

בלויז וועגנ איינס בעט איכ אײַכ: בא יעטווידער ענדערונג אינ אײַער לעבנ — שרײַבט אָנ.

ס'וואָלט אזוי שווער געווענ ניט צו וויסנ, ווו איר גע-פינט זיכ.

מיט א טאָג דרײַ-פיר צוריק איז בא מיר געווענ אײַער ברודער, אונ מער קומט ער ניט ארײַנ, כ'ווייס ניט פארוואָס. ער האָט מיר א ביסל דערציילט וועגנ אײַכ, אונ איכ הארציג בינ איכ אימ אזוי דאנקבאר געווענ דערפאר. איכ גרים אײַערע עלטערנ, די ליבע שוועסטער אונ ברידער.

זײַט געזונט. שרײַבט אָנ, שרײַבט אָנ.

אָשער

מאָסקווע, טאגאנקע, סעמיאָנאָווסקאיא, 26, לאזארעט בא בעלאָווס פאבריק.

יאָ, פונ דער וונד האָב איכ זיכ שוינ אינגאנצנ אויסגע-היילט.

*12

ד. האָפשטיינ

פראָנט, 1916

דאָוויד טײַערער.

וועגנ וואָס זאָל איכ דיר שרײַבנ? איכ וועל אָנהייבנ פונ דעמ, אז בא אונדז איז הײַנט געווענ אנ אינספעקטאָרישע רעוויזיע, דה. מע האָט רעווידירט אבסאָליוט אלצ. ס'איז דורכגעגאנג אלצ קעשורע. ס'איז אויסגעקומענ צוצולייגנ א ביסל מי, אונ איצט, ווי מע זאָגט עס, רוענ מיר נאָכ דער האָרעוואניע. די שטימונג איז א גאנצ מונטערע, איכ ווייס אפילע ניט, פונוואנענ נעמט זי זיכ די לעצטע טעג. ווי א ווײַטער כאָלעמ זעט זיכ אָפט עפעס קרעפטיקס, מעכטיקס.

ס'זעט זיך: א פערד שפּילט אונטער א רײַטער, עס זעט זיך א „טרויקע" מיט גלעקלעך אין א שטאַרקן פראָסט. ערגעץ־ווו הוליען שטאַרקע ווינטן אין ברייטע סטעפּעס, ערגעץ־ווו פליסן ברייט און פרײַ וואַסערפאַלע טײַכן — — —

עס הערט זיך מיר א יעגער־האָרן איבער שנייִקע פעלדער און וועלדער, און איך זע: פונעם עק וואַלד איז ארויסגעשפּרונגען אן אונטערגעשאָסענער הירש און, אָפּגע־שפּרונגען א הונדערט קלאַפטער, האָט ער, אָפּגייענדיק מיט בלוט, זיך אזוי א זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אראָפּ און זיך איבערגעקערט אפ א זײַט. בא זון־פאַרגאַנג ראָזעוועט אזוי טרויעריק־שווײַגנדיק די ווײַטע שנייִקע לאָנקע מיטן הירש, וואָס שטאַרבט אפ איר — — —

איך האָב באַקומען דײַן בריוו מיט דער ליד. עפּעס קאָן איך וועגן איר גאָרנישט ניט זאָגן.

דאָוויד, דײַן בריוו איז זייער א טרויעריקער, צי דען ביסטו ניט אזא ווי דו ביסט געווען? זע, שלעפּ אליין אפ זיך ניט אַרוף.

זאָל דיר גאָט געבן געזונט.

ד ײַ ן אָ ש ע ר

*13

ד. ה אָ פּ ש ט ײ נ ע ן

28 מײַ, 1916

ט ײַ ע ר ע ר ד אָ וו י ד!

ס'ווײַזט זיך אַרויס, אז דו ביסט אין ראַדאָמישל. שרײַב, וואָס טוסטו דאָרט און ווי גייען דײַנע געשעפטן. ניט לאַנג האָב איך דיר געשיקט א בריוו קיין קיִעוו. דײַן קאַרטל האָב איך באַקומען.

שרײַב אָנ אינדערעמעסנ, וואָס הערט זיכ בא דיר גוטס אונ וואָס ווייסטו גוטס וועגנ וועמענ ס'ניט איז פונ די באַקאנטע אונ כאוויירימ.

אויב ס'איז ניטאָ קיינ שום נײַעס, טרײַב א ביסל רעכילעס, ווער מיט וועמענ שפאצירט שפעטער פונ אלעמענ אינ די אָוונטנ אונ וואָס פאר אנ אויסזיכטנ עס זײַנענ פאראנ אפ א גערעטעניש.

בא אונדז איז דאָ קיינ באזונדערע נײַעס ניט פאראנ, ס'איז זומער: ווארעמ, גוט. אפ דער פאָזיציע אָדער אינ דאָרפ אפנ אָפרו לעבסטו ווי א פאָרעצ. די גאנצע ארבעט איז — דאָס פערדל אויסרייניקנ אָדער אויסבאָדנ, אָנפויענ, אָנהאָדעווענ. נו, ס'איז דאָכ דײַנ אייגנ פערדל, אפ וועלכנ דו ביסט אפ דער מילכאָמע ארויסגעפאָרנ; אונ פארקלײַבסטו זיכ גאנצפרי, ווענ אינ דאָרפ שלאָפט מענ נאָכ, אפ א לאָנקעלע אָדער אפ ניט קיינ צעאקערטנ פאס, דאָס גראָז איז, פארשטייסטו מיכ, געדיכט, זאפטיק, עסט זיכ דאָס פערד אָנ צו זאט.

לעכאטכילע, כאָטש טעסע פלעקער אפ זײַנ קאָפ, שטייט עס אונ ווארפט מיט די ציינ ארומ דעמ ארויסגערוקטנ לינקנ פוס, אונ דערנאָכ ווערט עס עפעס אומרויק: אפ יעדנ קוימ הערבארנ שאָרכ הייבט עס אָנ זיכ ארומקוקנ, אומרויק זיכ צוהערנ, גיט א דריי אויס דעמ קאָפ צומ וואלד-צו, שפיצט אָנ די אויערנ, גיט א ציל אָנ דעמ בליק אונ שטייט, שטייט, אונ אינ זײַנ אומבאוועגלעכקײַט איז צו זענ אזא גרינגקײַט, אז סע דוכט זיכ יעדער סעקונדע: אָט ווערט עס זיכ א וואָרפ טאָנ אינ א זײַט מיט דער גאנצער גרינגקײַט פונ זײַנע פיס אונ פארגעסנ דעמ „זײַ-געזונט". נאָר אָנשטאָט דעמ גיט עס מיטאמאָל שארפ א ריס די מאָרדע צומ גראָז, הייבט

אַנ צופנ, צופנ אפגיכ, דערנאָכ שפיצט עס זיכ ווידער אַנ: הייסט עס, שוינ זאט, אונ דאָ באקט שוינ די זונ...

דײַנ אָשער

פראָנט, 14 דרואג. מאַלאָראָס. פאָלק, 5 עסק. אַ.ש.

*14

ד. האָפשטיינענ

פעלד-פאָטשט, 23. 7. 16

דאָוויד טײַערער.

מיר האָט זיכ די גאנצע צײַט געדוכט, אז איכ האָב פארלאָרנ דײַנ אדרעס, אונ דערפאר האָב איכ דיר ניט געשריבנ. איצט האָב איכ, צו מײַנ גרויסער פרייד, געפונענ בײַ זיכ דײַנ קארטל מיט דײַנ אדרעס אונ אײַל זיכ שרײַבנ צו דיר, ד.ה. שוינ עטלעכע טעג, אז איכ קלײַב זיכ. איכ געפינ זיכ איצט אפ דער סאמע פאָדערשטער פאָזיציע. שרײַבנ וועגנ דעם מער אויספירלעכ האלט איכ זיכ אָפ, ווײַל דער בריוו קאָנ פארהאלטנ ווערנ. פונ דעם אָרט, ווו איכ ליג, זע איכ די איינציקע מיר נאָענטע פאר דער לעצטער צײַט: ארומגעריסענע געבײַדעס, זיכ שאָקלענדיקע ביימער, דעם הימל, ניט קיינ גרויסנ פאס פעלד אונ וואלד אפנ האָריזאָנט. זיי זײַנענ מיר געוואָרנ אייגנ, זיי האָבנ זיכ אײַנגעגעסנ אינ דער נעשאָמע ביז צומ פארלאנג אוועקצוגיינ פונ זיי, זיכ אָפצוקערעווענ, נאָר איכ ווייס, אז האָבנדיק אָפגעקערעוועט זיכ פונ זיי, וועל איכ ניט בלויז אוועקטראָגנ א טיפע בענקשאפט נאָכ זיי, נאָר איכ וועל ניט קאָנענ לעבנ אָנ זיי.

באטאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ א רעגנדל, צונויפגעמישט מיט זונ; איצט פארגייט די זונ; אפ דעם ראנד הימל, וואָס איכ

זע, קלײַבן זיך אױף אשקאַליריקע כמארעס, ערטערװײַז געפּאַרבט אין קופּער-קאָליר, און דער הימל איז עפּעס א קאַלטער. דער װינט איז א קילער, א גאַנץ שנײַדנדיקער. איך זע די זיך שאָקלענדיקע שפּיצן פון באַזונדערע בײמער, נאָר קלערן קלער איך װעגן זיך, װעגן דיר... װעגן דעם, װאָס ס'איז געװען, װאָס ס'איז דאָ, און װאָס קאָן נאָך עפּשער זײַן...

װען איך קלער װעגן זיך, װעגן מײַנע נאָענטע און באַקאַנטע, װעגן דעם, װאָס ס'איז געװען מיט מיר מיט א יאָר פינף-זעקס צוריק, װײַזט זיך מיר אױס: לאַנג זײַנען שױן אָפּגעפאַלן די בלעטלעך פון דעם װײַסן בלימל; דאָרטן איז עפּעס אַנטשטאַנען און סע האָט זיך אַנטװיקלט, און איצט שאָקלט זיך דאָרט א קױם צוגעדעקטע מיט צװײ באַזונדערע בלעטעלעך קײַלעכדיקע, פולע אײנזאַמע פּרוכט. ס'איז פאַראַן עפּעס אומעטיקס אינעם שאָקלען זיך פון א רײַפער פּרוכט אױף א דינינקן צװײַגל.

זײַ געזונט, דאָװיד.

דײַן אָשער

פּראָנט, 14 דראג. מאַלאָראָס. פּאָלק, 5 עסק.

15*

ד. האָפּשטײנען

28 סענטיאבער, 1916

האַרציק ליב ברודערל מײַנס!

איך האָב נעכטן באַקומען דײַן קאַרטל, און הײַנט שרײַב איך צו דיר.

איכ ווייס, אז אויכ אײַכ איז דאָרטנ ניט באזונדערס גוט. נו, און מיר איז דאָ שלעכט. פארשטייסט, הארבסט... פארשיווער הארבסט!.. ווי אנ אלטע קוויטיקע באבע, גייט ער ארומ איבער די פעלדער און וועגנ, און קיינ איינציקע פרייד איז זײַנע פארטונקלטע, טרערנדיקע אויגנ, און ווענ איכ זיצ דאָ אינעמ האלב-פינצטערנ הײַזל און אינ דרויסנ איז א בלאָטע און א רעגנ, א רעגנ אָנ אופהער, פיל איכ, אז עס רוקט זיכ אָנ א שרעקלעכ לאנגער אומעט, עפּעס שווערס, וואָס שטיקט דעמ מויעכ און דאָס הארצ, און ווענ איכ גיב א טראכט, אז דאָס וועט זיכ ציִענ גאנצע כאדאָשימ, פיל איכ זיכ שוינ איצט אָנ קויכעס, און מיר דוכט זיכ, איכ זע: א בארג רוקט זיכ אפ מיר פאמעלעכ און ער וועט מיכ צעטרעטנ, צעקוועטשנ און איכ בינ ניט בעקויעכ אוועקצוגייג, איכ בינ צוגעשמידט: איכ דערמאָנ זיכ די פארגאנגענע ווינטערס, און באמ געדאנק, אז דאָס וועט זיכ איבערכאזערנ, טרעט ארויס א קאלטער שוויס אפנ גאנצנ לײַב. איכ האָב דאָכ שוינ אָפּגעדינט פינפ יאָר, און קיינמאָל האט מיכ אזוי ניט געריצט א ניט-געשמירטע פארויכערטע סטעליע, ווי איצט, קיינמאָל האָב איכ זיכ ניט געפילט אזוי אומבאהאָלפנ פאר בלאָטע און רעגנס, ווי איצט. מעגלעכ, אז דאָס איז בלויז הארבסט-פיבער, דער טײַוול ווייסט עס!.. מע וועט זיכ דארפנ, ברודער, אונטערגארטלענ, ווי מע זאָגט עס: די לעצטע רעזערווג אונטערציִענ.

זײַ געזונט, טײַערער!

אָ ש ע ר

*16

פונ א בריוו צו אדעל מארמאָר

1 מײַ, 1919

...ס'איז ווארעמ, זוניק. פאַרסט מיטנ וואלד — פייגעלעכ זינגענ, פאַרסט מיטנ פעלד — עס ווילט זיכ אלייג זינגענ.

די מילכאָמע-געשעפטנ גייענ איצט גוט, כ'ווייס ניט, וויאזוי וועט עס זײַנ, ווענ דער בריוו וועט דערגייג, איכ שרײַב פונ דער סטאנציע בעלאָקאָראָוויטשי. צווישנ דעמ מיליטער ווערט געפירט עפּעס א מיעסע אגיטאציע וועגנ די קאָמוניסטנ, יידנ אונ דער טשערעזוויטשײַקע. די דאָזיקע אגיטאציע האָבנ, פארשטייט זיכ, געפירט די פּעטליוראָוו-צעס צווישנ דער אָרטיקער באפעלקערונג, אונ פונ זיי האָט זי זיכ אָנגענומענ אויכ צווישנ אונדזערע סאָלדאטנ. ווי מיר שײַנט, ווערט די דאָזיקע אגיטאציע די לעצטע טעג קלענער.

אויב דו וועסט זענ דאָוויד האָפשטיינענ אָדער קוויטקאָנ, זאָג זיי, אז איכ גריס זיי אונ כ'האָב זיי ליב. זאָג זיי, אז דאָ זײַנענ פאראנ סײַ פעלדער, סײַ וועלדער. צו דער שטאָט איז ווײַט, אונ דעמ לעצטנ טאָג וועט אלצ, וועט אונ וועט א נודנער, נימעסער ווינט, זאָג זיי...

*17

פונ א בריוו צו אדעל מארמאָר

4 יונ, 1919

... אינ דעמ זעלבנ טאָג, וואָס איכ בינ געקומענ פונ קיעוו קיינ קאָראָסטענ, זײַנענ מיר ארויסגעטראָטנ אינ שלאכט. אפנ דריטנ טאָג האָבנ מיר זיכ צוזאמענגעטראָפנ מיט די פּאָליאקנ, אונ מיט איינער אונדזערע א קאוואלע-

רישער אויסשפּיר-גרופּע האָבן מיר פאַרכאַפּט בא זיי א לאַ-קאָמאָטיוו און א קאָמאַנדע פון 20 מענטשן, 1 קוילנוואַר-פער און א מענגע פּאַטראָנעס. דאָס איז געווען ניט ווײַט פון דער סט. ראַקיטנע.

איצט האָבן מיר פאַרנומען סאַרנע, נאָכדעם ווי מיר האָבן אַרויסגעטריבן פון דאָרטן די פּאָליאַקן. אָט דאָס זײַנען אַלע קריגס-דערפאָלגן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם איבעריקן, איז ווייסטו דאָך. כ'האָב דיר דערציילט: צו אַלץ בין איך שוין געוווינט, אָן אַנ-דערש מאָל איז פעלד באַגינען, ווען די זון גייט אויף, איז אַפילע אָנגענעם.

אָט, אַדעלקע, מיר וועט שוין געוויס לאַנג ניט אויסקומען צו זײַן אין קיעוו. מיר האָבן זיך ווײַט פאַרקליבן, און ווער ווייסט, וווהין נאָך מע וועט אונדז אַריבערוואַרפן...

באמערקונגען
און
וואריאנטן

בא שוואַרצמאַנס לעבנ איז קײנ באַזונדערע אױסגאַבע פונ זײַנע לידער ניט דערשינענ. די ערשטע זאַמלונג פונ שוואַרצמאַנס לידער איז אַרױסגעגעבנ געװאָרנ אינ דער „קלײנער ביבליאָטעק ליריק", קיעוו, 1921, אונטערנ נאָמענ „פונ גאָלדענע װײַטנ". דאָס דאָזיקע ביכעלע אַנטהאַלט א קורצע פאָרעדע „פונ רעדאַקציע" אונ 18 לידער.

אינ 1923 יאָר איז אינעם פאַרלאַג „קולטור-ליגע", קיעוו, דערשינענ אַ. שוואַרצמאַנס „אַלע לידער" מיט אַ ביאָגראַפיע אונ אָנמערקונגענ. די רעדאַקציע פונ דער דאָזיקער אױסגאַבע װײַזט אָנ, אַז זי „האָט זיכ באַמיט צונױפצוזאַמלענ אַלצ, װאָס איז פונ שוואַרצמאַנענ פאַרבליבנ, זי האָט צונױפגעקליבנ אַלע פאַרבליבענע שוואַרצמאַנס מאַנוסקריפּטנ, װאָס זײַנענ צעװאָרפנ אינ בריװ אונ אַפ אײנצלנע שטיקלעכ פּאַפּיר בא זײַנע פרײַנט אונ באַװײרימ".

אַ דריטע זאַמלונג — „אַשער שוואַרצמאַנ, צומ 10-טנ יאָרטאָג" — האָט אָפּגעדרוקט דער צענטרפאַרלאַג, כאַרקאָוו, 1929. דאָרט איז געגעבנ בלױז אַ טײל לידער שוואַרצמאַנס.

אינ 1935 איז אינ פארלאג פונ דער אוקראינישער וויסנשאפט-אקאדעמיע דערשינענ א בוכ „אַשער שווארצ-מאנ. לידער אונ בריוו“ אונטער דער רעדאקציע פונ מ. לע-וויטאנ אונ מ. עריק. אינ דער זאמלונג זײַנענ אײַנגעשלאָסנ 61 לידער (אינ „אלע לידער“ — 57).

נאָכ דרײַ פארגעסענע לידער אָ. שווארצמאנס זײַנענ צומ ערשטנ מאָל פארעפנטלעכט געוואָרנ אינעמ זשורנאל „סאָ-וועטישע ליטעראטור“ (1939, נומ. 10) אונ זײַנענ אײַנגע-שלאָסנ אינ דער אויסגאבע פונ „אלע לידער“, דערשינענ אינ מעלוכע-פארלאג „דער עמעס“ אינ 1944. אינ זעלבנ יאָר האָט די צײַטונג „אײניקײַט“ אָפּגעדרוקט שווארצמאנס א ניט-באוווּסטע ליד „דער שניטער“, וואָס מיר שליסנ אײַנ אינ אונדזער איצטיקער אויסגאבע.

די קרעטשמע

געדרוקט צומ ערשטנ מאָל אינ „פאָלקס-צײַטונג“ (קיעוו) דעמ 3 יאנואר 1918, נומ. 1 (63).

אינ „אלע לידער“ איבערגעדרוקט מיט אײניקע קלײנע אויסבעסערונגענ לעגאבע דעמ טעקסט אינ „פאָלקס-צײַטונג“. מיר ברענגענ דאָ די אויסבעסערונגענ, וועלכע שווארצמאנ האָט ארײַנגעטראָגנ:

אינ „פ אָ ל ק ס-צ ײַ ט ו נ ג“

שורע 2: אנ אלטע פ א ר ל אָ ז ע נ ע קרעטשמע נאָכ שטײט.
שורע 5: נו, יאָגט ארומ, ווינטנ, די פעלדער נאָכ טריקנט.
שורע 14: מיט בראָנפנ צונויפ אפ דער ש ט א מ ל ע נ ד ע ר צונג.

אינ „א ל ע ל י ד ע ר“

אנ אלטע א מ אָ ל י ק ע קרעטשמע נאָכ שטײט.
נו, יאָגט ארומ, ווינטנ, נו, טריקנט איר, פעלדער.
מיט בראָנפנ צונויפ אפ דער ש י ק ע ר ע ר צונג.

ווי די רעדאַקציע פֿון „אַלע לידער“ ווײַזט אָן, איז די ליד געווען פֿאַרקלערט אַלס אַן אַרײַנפֿיר צו אַ גרעסערער פּאָעמע. פֿון דער דאָזיקער פּאָעמע איז אָנגעשריבן בלויז פֿאָלגנדיקער פֿראַגמענט:

„איז אַט פֿון דער האַלב שוין צעוואָרפֿענער קרעטשמע
דערציייל איך אַן אַלטע פֿאַרצײַטיקע מײַסע.

געווען איז אַ ייִד, אַן אַמאָליקער מאָכסן,
זײַן פּאָרעץ געדינט האָט ער ליב און געטרײַ,
מיט ייִדן געהאַלטן זיך גאָר ווי אַ יאַכסן,
דאָך אָבער פֿאַר גאָט און דער טוירע ניט פֿרײַ.

געאַרבעט האָט ער, ווען מ'האָט בײַ זײַן טאָכטער
דער עלטסטער די כאַסענע פֿריילעך געשפּילט;
צעטראָגן, דערלאַנגט, אַלץ געטאָן אַ צעקאָכטער,
און געסט האָבן ווי אין דער היים זיך געפֿילט;

געקומען איז מען פֿון די דערפֿער און שטעטלעך,
ווו נאָר אַ באַקאַנטער און ווער שמועסט אַ פֿרײַנט.
געטאַנצט ביז דער זיבעטער נאַכט אין דער שפּעטלעך,
אַזוי ווי מ'טאַנצט שוין בײַ ייִדן ניט הײַנט.

דערנאָך בײַ דער מיטלסטערס כאַסענע איז ער
געווען אַ מעכוטן, וואָס ווייסט שוין זײַן גראַד,
מיט דעם פֿירט ער שמועסן, צו דעם ליבלעך שמייכלט,
פֿאַר יעדן אַזוי, ווי אים קומט אין זײַן פֿראַט“.

שווימט אַ שיפֿל וואַסער-פֿול

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „אַלע לידער“. די רעדאַקציע פֿון „אַלע לידער“ גיט צו דער ליד אַזוינע אָנמער-קונגען:

1) „אין דער ערשטער רעדאקציע איז אפן אָרט פון די פינטעלעך (סאָף פון דער צווייטער סטראָפע) געווען אזא שורה:

„מאכט דעם שיפל ווייניק אויס".

זי איז שפעטער פון שווארצמאנען אויסגעמעקט געוואָרן".

2) „צו דער ליד איז שפעטער צוגעשריבן געוואָרן פאָלגנדיקער מוסערהאסקל:

„אז מע וועט מיך באהאלטן טראָגן
אין דער ערד דער קאלטער, נאסער,
זאָלסטו, מאמע, דאן ניט קלאָגן, —
איך בין א שיפל אפן וואסער".

ס׳שמעקט מיין ליבסטע...

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „אלע לידער" מיט אזא אנמערקונג:
„אפן אָרט פון דער שורה פונקטן אין אנהייב פון דער צווייטער סטראָפע איז פריער געווען אזא שורה:

„רעדט מיין ליבסטע — פאלן פערל..."

שפיצן בערג פארשלאָפן

איבערגעזעצט אין יידיש אין 1910 פון לערמאָנטאָווס רוסישער איבערזעצונג.

שיקט דער יאם...

פון דער דאָזיקער ליד איז קיין מאנוסקריפט ניט געבליבן. די ליד איז אופגעשטעלט טיילווייז לויטן זיקאָרן·

דורך אייניקע שוואַרצמאַנס נאָענטע פרײַנט שוין נאָך זײַן טויט. געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „פון גאָלדענע ווײַטן“. אין דער פאָרם, ווי זי ווערט איצט געדרוקט, פעלט נאָך אַ מיטעלע סטראָפע פון 4 שורעס.

ס׳זײַנען וואָלקן אָנגעשוווּמען

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „פאָלקס-צײַטונג“ דעם 8 דעקאַבער 1917 נומ. 46 אין פאָלגנדיקער רעדאַקציע:

„ס׳זײַנען וואָלקנס אָנגעשוווּמען
און געשטעלט זיך אָפּצורוען
איבער אונדזער שטאָט.
איז ביז נאַכט געגאַן אַ רעגן,
און די ערד האָט מיט האַכנאָע,
ווי אַ מיידל אַ פאַרליבטע,
אײַנגעזאַפּט די פרישע טראָפּן, —
לײַדנשאַפטלעך זיי געטרונקען
דורך די גערטנער בײַ די הײַזער,
דורך די ברייט-געדיכטע פּאַרקן
און דורך יעדער אָפן שפּעלטל
אין די שטיין-ברוקירטע גאַסן.
און צו נאַכט איז שטיל געוואָרן, —
איין זײַט הימל אויסגעשטערנט,
און די אַנדערע נאָך אין וואָלקן
האָט פון מאָל צו מאָל באַלויכטן
זיך פון ווײַטע שטילע בליצן.
ס׳האָט געבליצט אין ווײַטע שטרעקעס,
ס׳האָבן וועלטן זיך געוויזן
און אין אויגנבליק פאַרשוווּנדן —
און מײַן האַרץ האָט אופגעפלאַטערט
און געשטילט זיך.

און א שטילקייט האָט געהויערט
אין דער הערשאַפט פונעם וואָלקן,
און א פייער האָט געאָטעמט
אין זיין ברוסט דער גרוילעכ־בלאָער,
אַז אין גאָרטן האָבן ביימער
זיך מיט כשאַר פון דעם געסוידעט,
און די מויערן די קאַלטע -
האָבן שווער פאַרטיפט זיך אין זיך
פול מיט צאָרנדיקן שווייגן.

בין איך מיך אַזוי געזעסן
און געקוקט אין ווייטער ווייטקייט...

אינעם אופגערעגטן הימל
זויפיל וואונדערלעכע וועלטן,
און אין אופגערייצטן האַרצן
זויפיל גלוסטיקע פאַרלאַנגען,
אַז ס'ע האָט מיין בלוט געזאָטן
און מיין קראַפט אין מיר געשטיקט זיך...

. . . .

מיטאמאָל האָבן די ביימער
אָנגעהויבן העכער רוישן;
אָנגעצויגן האָט א ווינטל,
א פאַרדעכטיקער שאַליעך,
און געקוקט, צי איז מען גרייט דאָ
אופנעמען א נייעם רעגן.
אָנגעהויבן האָט דער הימל
אָפטער עפענען זיך פון בליצן,
און צום טהאָם פון נייע וועלטן,
ווי און אָפקלאַנג פון מיין האַרצן,
האָט א קנאַל געטאָן א דונער...״

פון דער ווײַטקייט...

די רעדאַקציע פון „אַלע לידער" ווײַזט אָן, אַז אין העפט איז פאַראַן פאָלגנדיקער וואַריאַנט פון דער דריטער סטראָפע:

„און אין גאַנצן פעלד, וואָס צווישן
שמאָלע פאַסן וועלדער בלאָע,
ליגט אַ ווײַלע אַלץ פאַרשוויגן,
ווי פאַרצויבערט פון האַנאָע".

עס טרעפן מינוטן

בוצן געדרוקטן טעקסט איז פאַראַן נאָך דער שורה „איינעם מיט דיר" אַזאַ סטראָפע:

„דער שטורעם דערקוויקט ניט,
ער ברענגט מיט זיך אומגליק
דעם גאָרטן, דעם פעלד".

שיין איז דײַן געשטאַלט

אין אַ קאַרטל פון 1912 צו דאַוויד האָפשטיינען ענדיקט זיך די ערשטע שורה פון דער צווייטער סטראָפע מיט „נאָר", אָנשטאָט „איצט".

כ'דאַרף איצט ניט קיינעם...

ווי די רעדאַקציע פון „אַלע לידער" ווײַזט אָן, איז אין דער ערשטער רעדאַקציע געווען נאָך די פאָלגנדיקע סטראָפע:

„כ'וויל, זאָלסט מײַן קאָפּ אַף די קני צו דיר נעמען,
דאָס האַרץ זאָל אין רוּע אין שטילער געגעזן,
ווען ס'וועט דײַן דאַרע האַנט גלעטן מיך ליבלעך
אַזוי ווי אַמאָל, ווען איך שלאָף בין געווען".

ווען דער דאָזיקער ליד רופט זיך שוואַרצמאַן אָפּ אין אַ בריוו אַזוי: „איך האָב קוים גאַרניט אָנגעשריבן פאַר דער צייט, אַכוץ איינס ניט קיין איבעריק וויכטיקס".

עס טרעפט...

אָנגעשריבן אָפּ מאַנעווערס לעבן קאַליש. געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „אייגנס", II (קיעוו, 1920).

די נאַכט האָט באַדעקט מיך...

אָנגעשריבן אויף די פּאָזיציעס אין פּוילן און צוגעשיקט אין אַ בריוו פון 1 מײַ 1915. אינעם בריוו פעלן אינגאַנצן די שורעס 11 — 14. געדרוקט צום ערשטן מאָל (פולער טעקסט) אין „אייגנס", II.

און ניט נאָר דײַן שײַער...

אָנגעשריבן אויף די פּאָזיציעס אין פּוילן, אין פרילינג (אַפּריל-מײַ) 1915. געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „אייגנס", II.

אין דער ערשטער רעדאַקציע פון דער ליד לייענט זיך די פערטע שורע אַזוי:

„בײַ דעם, וואָס געוועזן איז מיט ברויט-סקירדעס רײַך".

אין דער ערשטער רעדאַקציע איז פאַר דער פאַרלעצטער סטראָפע פאַראַן נאָך אַזאַ:

„וועט זײַן ווי אַ ביניען אָפּ זאַמד
דאָס גליק, וואָס דו פלאַנצסט פאַר דײַן פאָלק,
און נאַריש וועט בלײַבן דער שטאָלץ פון דײַן קאָפּ
און ס'צווייפּנעמדיק האַרץ פון כאַלאָפּ".

ווי זומער ס׳פעלד...

די רעדאַקציע פון „אַלע לידער" האָט געהאַט אין איר רעשות פיר פאַרבליבענע וואַריאַנטן פון דער דאָזיקער ליד, וואָס אונטערשיידן זיך ווענטלעך סײַ אין דער פאָרם סײַ אינעם אינהאַלט. מיר דרוקן דאָ איבער די דרײַ ווייניק באַוווּסטע וואַריאַנטן.

1-טער וואַריאַנט:

„ווי ס׳פעלד אום האַרבסט,
ווען ס׳פאַלט די זון שוין צו צום וואַלד
און ס׳ליגט דער שאָטן קלאָר און קיל,
דער בוים פון ווינט
מיט יעדן צווײַג
שטייט בוילעט... שטיל, —
זוי איז מײַן האַרץ.

און ווי דער יאַם אין מיט פון נאַכט,
און ווי די בייזע שפּיל פון שלאַכט —
אַזוי ז׳אויך מײַן האַרץ.

איך זוך אין דיר, מײַן ליבער פרײַנט,
די רו, וואָס דו זוכסט אין מיר;
ווי שטילע וואַסער איז דײַן בליק,
און כ׳זע דיך, ווי דו קוקסט צוריק
אין דײַנעם האַרץ, אין דײַנער מיט,
און מיך, מיך קאָנסטו ניט".

2-טער וואַריאַנט:

דער דאָזיקער וואַריאַנט אונטערשיידט זיך פונעם ערשטן בלויז אין דער שלום-סטראָפע, וועלכע הייבט זיך אָן נאָך דער שורה: „אַזוי איז אויך מײַן האַרץ".

„און פרײַנטשאַפט שײַנט פון דײַן געזיכט,
זוי ווי א שטילע העלע ליכט,

נאָר קוקנדיק אינ מיר (איכ ווייס),
דאָכ קוקסטו אינ דײַנ אייגנעמ הארצ,
אינ דײַנעמ יאָמ, אינ דײַנער מיט,
אונ כ׳גלייב דיר ניט".

3-טער וואַריאַנט:

כראָנאָלאָגיש איז דער דאָזיקער וואַריאַנט דער לעצטער פאַרנ געדרוקטנ. ער אונטערשיידט זיכ פונעמ געדרוקטנ טעקסט בלויז אינ די סטראָפעס, וואָס הייבנ זיכ אָנ נאָכ דער שורע „אזוי איז אויכ מײַנ הארצ":

„אונ כ׳ווייס מײַנ וועג ניט, איכ בינ בלינד,
נאָר אונטער פעלדזנ, הער איכ, רינט
אונ ריזלט זיכ א שטראָמ;
אונ וועג מײַנ הארצנס טונקל-גראָ
געבירט א לויטער-שטילע שאָ,
דאַנ ווי א שוואָמ
שווימט אופ מײַנ הארצ,
אונ ווי איינ גאַנצער קנויל בינ דאָ".

מײַנ ברודערס ליבנ...

אָנגעשריבנ אינ קיִעוו נאָכנ אופשטאַנד קעגנ דער צענטראַליער אוקראַינישער ראַדע. געדרוקט צומ ערשטנ מאָל אינ „די נײַע צײַט" (קיִעוו) פאַרנ 10 (23) מאַרט 1918, נומ. 46 (134); איבערגעדרוקט אינ „אייגנס", II, אונ אינ „אַלע לידער" מיט פאָלגנדיקע ענדערונגענ:

אינ „די נײַע צײַט":	אינ „אַלע לידער":
שורע 3. וועט עמעצער זיי קושנ איצט, אַכוצ זײַנ מוטער?	וועט עמעצ קושנ זיי, אַכוצ זײַנ מוטער?
שורע 9. איר קוקט זיכ איבער: טויט?	אונ שטיל קוקט איר זיכ איבער: טויט?...

אין וואַלקנספּולער טונקל-נאַכט

די רעדאַקציע פון „אַלע לידער" ווייזט אָן, אַז אויסער דעם געדרוקטן טעקסט זיינען דאָ נאָך פינף װאַריאַנטן, וועלכע אונטערשיידן זיך מיט אַ סך בילדער- און וואָרט-אויסבעסערונגען. בלויז אין איין וואַריאַנט קומט נאָך די ווערטער „ליגט שטיל אַ בלאַנקער הימל-שטיק" אַ גאַנצע סטראָפע, וואָס איז פון שוואַרצמאַנען גענומען אין קלאַמערן צום אויסשליסן פון טעקסט. מיר ברענגען די דאָזיקע סטראָפע:

„איך בין אַליין אינמיטן פעלד,
און אופגעעפנט איז דאָס האַרץ
צו ווייכסטער וועל פון טונקל-נאַכט,
צום גרינגסטן הויך פון פרילינג-וועלט".

אין אופשטאַנד

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „פאָלקס-צייטונג" פון 17 דעקאַבער 1918, נומ. 192 (254).

אין טריבן מענטשן-לאַנד

אין דער ערשטער רעדאַקציע איז אין דער שורע 8 ניט „בלוט", נאָר „גלות".

מיין ברודער! כ'האָב דערזען...

געדרוקט אין „קאָמוניסטישע פאָן" דעם 27 יוני 1919, נומ. 22, אין דער ביילאַגע „די רויטע אַרמיי". אין „אַלע לידער" איז די ליד געדרוקט פון שוואַרצמאַנס אַ מאַנוסקריפּט אין פאָלגנדיקער פאָרם:

„איך האָב דערזען אין דיר מיין ווייטעקדיקן גייסט...
אף פעלדער אומעטיקע זע איך עמעץ שפּרייזט

אינ פײַנ פונ מײַנעװוס רויטער שײַנ
אונ שרעקט זיכ פאַר זײַנ זײַנ...
איכ האָב דערזיענ אפ דיר מײַנ לײַב, װאָס איז
געפאַנגענ.

אפ אײַזערנע פעסט אײַנגעשמידטע שטאַנגענ
געזענ האָב איכ דײַנ בלוט פאַרשפּריצט...
מיט פײַערדיקע אויסיעס אויסגעקריצט
װעט שטענדיק זײַנ
אינ האַרצ בא מיר דײַנ פײַנ".

א ו מ ע ט

געדרוקט צומ ערשטנ מאָל אינעמ זאַמלבוכ „אופגאַנג" (קיעװ, 1919); די רעדאַקציע פונ „אַלע לידער" װײַזט אָנ, אז פונ דער דאָזיקער ליד זײַנענ פאַראַנ פיר װאַריאַנטנ, פונ װעלכע בלויז דער ערשטער, דער פריסטער, אונטערשיידט זיכ װעזנטלעכ פונעמ געדרוקטנ טעקסט מיטנ פאָלגנדיקנ:

נאָכ דער שורע „װי טונקלער װינטער־טאָג אפ שװײַגנ־דיקע פעלדער" קומט אזא סטראָפע:

„אונ װענ מײַנ ליבסטע הײַנט האָט מײַנ א סאָד
געטראָפנ
אונ זיכ געזעגנט שטילערהייט,
אונ דורכגעגאַנ איז בײדע אונדז א הויכ פונ טויט, —
געקומענ ז'ער פונ נאַכט־באַהעלטעניש מײַנ טרויער
צו באַװאַכנ
אונ זאָגנ מיר,
אז טויט קומט אויכ אפ שמײכלדיקע ליפּנ..."

ד י ש װ אַ ר צ ע מ ו ט ע ר־נ אַ כ ט

שװאַרצמאַנס לעצטע ליד. געדרוקט קורצ פאַר זײַנ אװעקגײנ אפנ פראָנט דעמ 20 מײַ 1919 אינ „פאָלקס־צײַ־טונג" נומ. 69 (330).

אינהאלט

ארנ ווערגעליס — ארײַנפיר-וואָרט . . . 3

לידער

די קרעטשמע 13
א שטראל פונ דער זונ 15
ווענ די זונ גאנצפרי 16
דער שניטער 17
איכ האָב געזענ א בלויזע שווערד 20
אינ א וואָסער שטאָט צי שטעטל 21
שווימט א שיפל וואסער-פול 23
ס'שמעקט מײַנ ליבסטע 24
אינ א מוטלאָזנ הארבסט-טאָג 26
שפיצנ בערג פארשלאָפנ 28
קינד, ביסט יונג 29

ווי אינ לויפנדיקנ טײַכל	31
ניט קיינ הירש האָט זיכ דערשראָקנ	33
איכ וויל מײַנ הארצווייטעק צעווייענ	34
שיקט דער יאמ	35
קומ צו מיר	36
אונ וועט שטארבנ אונדזער ליבע	37
אינ הימל אינ גרויענ	38
ס'זײַנענ וואָלקנ אָנגעשווומענ	39
אַלע טאָג פאר זונענ-אופגאנג	42
נאכט באהויערט, גרינג באאָטעמט	43
פונ דער ווײַטקײַט	44
אונ ס'וואָלט דעמ סאָד	46
אויב קיינ אייד'לע ליבע-בענקשאפט	48
שוועסטער, שוועסטער, ס'איז מיר פּלוצעמ	49
פרי. אינ פעלד. די זונ גייט אופעט	51
עס טרעפנ מינוטנ	52
די נאָענטסטע פרײַנט	53
נאָכ א ליבנ, נאָכ א טויטנ	55
שײַנ איז דײַנ געשטאלט	56
פארנאכט	57
כ'דארפ איצט ניט קיינעמ	59
ווענ מיר זײַנענ ביידע געוואָרנ צעשיידט	60
עס טרעפט	61
פאראָסטעטע ווערט	63
די נאכט האָט באדעקט מיכ	65
אונ ניט נאָר דײַנ שײַער	67
אזוי ווי דער געצמאנ	69
וואָס וויינט ער, דער ווינט	70
ס'האָט קינדערשלעכ-שטיל	71
יוגנט	72
שוועסטער, שוועסטער! גאנצע נעכט	74
מילכאָמע-מאָטיוונ	76
ווי זומער ס'פעלד	78
זעונג	80

אָפּט אין שפּעטיקע מינוטן 82
פֿון ציקל „שאַבעס“ 84
כ'האָב געזען אײַך אין מאַרק 85
מײַן ברודערס ליפּן 86
פֿרילינג 88
פֿון גאָלדענע װײַטן 89
איך װײס פֿון אַ זומער־פֿאַרנאַכט 90
אין האַרבסטיקן אָװנט 91
נאָך קינדערװײַז 92
זײַ דאָ מיט מיר 93
פֿון לעאָפּאָלד סטאַף 95
אין װאָלקנספּולער טונקל־נאַכט 96
אין פֿינצטערער נאַכט 98
אין אױפֿשטאַנד 100
דערפֿאַר, װאָס ליב געהאַט 102
געבענטשט זאָל זײַן די האַנט 104
אין טריבן מענטשן־לאַגער 106
מײַן ברודער! כ'האָב דערזען 108
אומעט 109
די שװאַרצע מוטער־נאַכט 111

ב ר י װ 113

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג ע ן א ו ן װ אַ ר י אַ נ ט ן . . 139

Ошер Шварцман
Стихи и письма

Редактор *А. Вергелис*
Художеств. редактор *Г. Кудрявцев*
Технич. редактор *Ж. Примак*
Корректор *М. Иткович*

Сдано в набор 1/XI 1960 г.
Подписано в печать 20/I 1961 г.
Бум. 70×90¹/₃₂. 4,87 печ. л.=5,7.
Усл. печ. л. 3,8. Уч.-изд. л. +
1 вкл.=3,84 л. Тираж 10.000. Зак. 1658.
Цена 31 коп.

Гослитиздат
Москва, Б-66, Ново-Басманная, 19

Московская типография № 3
«Искра революции» Мосгорсовнархоза

... USSR